# תשורה

משמחת הנישואין

של

שמואל מנחם מענדל וחי' מושקא שיחיו

דייטש

י"ז שבט תשפ"ג

שנת הקהל

# תשורה

משמחת הנישואין

של

## שמואל מנחם מענדל וחי' מושקא שיחיו

## דייטש

י"ז שבט תשפ"ג

שנת הקהל

עימוד ועיצוב:

Berelc770@gmail.com

# פתח דבר

בעזהי"ת.

אנו מודים להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו החתן הרה"ת שמואל מנחם מענדל שי' עם ב"ג הכלה מ' חי' מושקא תי', ביום רביעי, י"ז שבט תשפ"ג – שנת הקהל.

על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בעת החתונה של כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו והרבנית הצדקנית נ"ע הננו בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה.

התשורה כוללת:

**א)** העתק מהתשורה שחולקה בחתונת כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו.

**ב)** שער משפחה – **(1)** מכתב לזקני החתן לקראת נישואיהם. **(2)** מכתב לסבא רבה של החתן ר' שלום ישעי' דייטש ע"ה. **(3)** מכתב לסבתא של החתן מ' צירל שתחי' דייטש. **(4)** מכתב לסב הכלה הרב שמואל שי' הלוי הבר. **(5)** עוד מכתב להנ"ל **(6)** מענה להנ"ל. **(7)** יחידות עם הנ"ל. **(8)** עוד יחידות עם הנ"ל. **(9)** קטעים מתוך יומן סבא רבה של הכלה ר' ישראל צבי הלוי הבר ע"ה.

**ג)** שער הגהות – **(1)** משיחת ש"ק מברכים אדר תשט"ז. **(2)** שיחת אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע יום ב' דחה"ס תש"י. **(3)** קובץ ליובאוויטש – יומן - תשרי תשט"ז.

**ד)** שער אגרות קודש – **(1)** ט"ו כסלו תש"ל (אנגלית) **(2)** כ"א אד"ש תשכ"ה (לה"ק) .

**רוב החומר המתפרסם כאן הוא בפרסום ראשון.**

תודתנו נתונה לאח הכלה הת' שניאור זלמן הלוי שי' הבר שעזר רבות בהכנת התשורה לדפוס.

ויהי רצון, שיבנו בית נאמן בישראל, בנין עדי עד, שיחיש וימהר בנין הבית השלישי הנצחי, ומהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה". ונזכה זיך זעהן מיטן רבי'ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים והוא יגאלנו.

**משפחת דייטש**
**טאראנטא, קאנאדא**

**משפחת הבר**
**ברוקוויל, לאנג איילאנד**

י"ז שבט ה'תשפ"ג – שנת הקהל

מאה ועשרים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

ברוקוויל, לאנג איילאנד

# התשורה שחולקה בחתונת כ"ק אדמו"ר



בעזה"ית

שלום וברכה

לזכרון טוב, ליום כלולת בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם בן ג' החתן הרב מ' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל המשתתפים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר, אדונינו הראשון, רבנו הגדול מליובאוויטש נבג"מ זי"ע. אשר סגולה יהי' [illegible] נפש ועד בשר. בתוככי ידידינו אנ"ש. ה' עליהם יחיו. וכל מחבבי תורה יחיו.

בשמחה וברכה

יוסף יצחק

ישיבה "תומכי-תמימים ליובאוויטש"

ג' י"ד כסלו, תרפ"ט, ווארשא.

פרשת מכתב קדש זה הוא, כי היחס בין החסידים ומתנגדיהם בעת ההיא הי' במצב כזה. אשר באחת האספות של אנ"ש בווילנא חוו קבוצת אברכים ומופלגי תורה מצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מתנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי. מחוני אנ"ש שבראשם עמד פרנס הקהלה החסיד ר' מאיר בר' רפאל נ"ע אשר כחמשה ששה שנים (תקנ"א - נו לערך) עמלו והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאספה ההיא תקף החסיד הרמ"ר נ"ע בידם של הצעירים ויצא בדברים יוצאים מלב כואב, מרוב הרגישות שסבלו, נגד החסיד הרמ"ר נ"ע.

באותו מעמד שלח רבנו הגדול אליהם ציר מיוחד, ואמר. הצדק אתכם. אבל המוח שליט על הלב, וזאת היא עבודת אנ"ש להיות לבם ברשותם ומכוון לאהבתו ויראתו ית'. ולבא פליג [illegible] בפעולות טובות באהבת כל ישראל לטובה וסוף כבוד אלקים לבא כאשר יפוצו מעינות מעין בית ה' אשר נבע ע"י מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ה'.

ובחדש אלול בשנה ההיא שלח רבנו הגדול מכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע





# שער משפחה

## מכתב כ"ק אדמו"ר לזקני החתן לקראת נישואיהם



ד״ מש״ ברוקלין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

נדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, אדר"ח אלול תשכ"ט
ברוקלין

האברך הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' זלמן יודא שי'
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן החתונה ליום כא' אלול הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב
וכוח"ט

בכתי"ק:

**וכוח"ט**

# מכתב כ"ק אדמו"ר לסבא רבה של החתן ר' שלום ישעי' דייטש ע"ה



TEL. PRESIDENT 4-0807 1814 8-4600 CABLE ADDRESS: HAMELACH, NEW YORK ב"ה

מרכז לעניני חנוך

MERKOS L'INYONEI CHINUCH INC.

CENTRAL OFFICE
770 EASTERN PARKWAY • BROOKLYN 13, N. Y.

הרהת הוו"ח אי"א וכו'
מו"ה שלום ש'

שלום וברכה:

הפ"נ שלו נתקבל, ואקראהו בל"נ על ציון כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ.

וצדיקא דאתפטר, דאשתכח בהאי עלמא יתיר מבחיוהי, בטח יתן ברכתו והשי"ת ימלא ברכתו בגשמיות וברוחניות.

אתענין לדעת אם יש לו קביעות עתים בנגלה ובחסידות.

בברכת כל טוב

מנחם שניאורסאהן

בשם השם מחרת יום הכפורים תשי"א
קראתי הפ"נ בעריוה"כ על הציון, ואח"כ בהיכל כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ, שלשם נכנסים לנתינת פדיונות וליחידות. והנותן כו' צריך להודיעו.
בטח ראה מכתבי הכללי, ובבקשה להודע מה נעשה בזה במשך חדש הכללי הוא חדש תשרי. ות"ח מראש.

בכתי"ק:

הרה"ח

שלום שי'

אתענין לדעת אם
יש לו קביעות
עתים בנגלה ובחסידות.

[בברכ]ת כל טוב

# מכתב כ"ק אדמו"ר לסבתא של החתן מ' צירל שתחי' דייטש לרגל יום הולדתה הט'



עדעלמאן-ספרינגפיעלד

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ז"ך אד"ש תשי"ט
ברוקלין

צירל תחי'

ברכה ושלום!

ס'איז אנגעקומען דיין בריף פון יום די מיט דאס ביי-געלייגטע.

איך בין געווען צופרידן צו לייענען אין דיין בריף, וועגן דיין לערנען אין חדר און גוטע אויפפירונג, און געווים וועסט דו ניט באנוגענען זיך מיט דעם איצטיקן צושטאנד, ווי גוט ער זאל ניט זיין, און וועסט נאך צוגעבן אין דעם, וואס דענסטמאל העלפט השם יתברך אז די צוגעגעבענע איז אויך מיט הצלחה, און דאס צוגעבן איז פארשטענדליך - אין גוטער אויפפירונג, און פאלגן דאס עלטערן און לערער זאגן, און אין לערנען.

און אזוי ווי מיר קומען אריין אין דעם חדש ניסן, לערנסט דו מסתמא אויך וועגן פסח און די זאכען וועלכע זיינען פארבונדען מיט דעם יום טוב פסח, ויהי רצון אז אויך דאס זאל זיין בהצלחה.

בברכה צו גוטע בשורות און צו א שנת הצלחה.

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
א. קווינט
מזכיר

HYacinth 3-9250

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

בכתי"ק:

[אזוי] ווי מ[יר]

און צו א שנת הצלחה.

א. קווינט

# מכתב כ"ק אדמו"ר לסב הכלה ר' שמואל שי' הלוי הבר



הבר-ת"א

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כז' אייר תשכ"ג
ברוקלין

האברך שמואל שי' הלוי

שלום וברכה!

במענה למכתבו מכ"ג אייר, בו כותב אודות סברת נסיעה ללמוד בישיבת תומכי תמימים דכאן.

וידוע הסדר בזה, ששיך זה להנהלת הישיבה תומכי תמימים דכאן, ועליו לפנות להנהלת הישיבה תומכי תמימים בה לומד עתה, שיתדברו עם ההנהלה דכאן.

בטח שומר על שלשת השיעורים דחומש תהלים ותניא הידועים, ובכלל לומד בהתמדה ושקידה נגלה וחסידות.

בברכה לבשו"ט בכל האמור

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
ש. מ. סימפסון
מזכיר

בכתי"ק:

**ש. מ. סימפסון**

# העתק ממכתב כ"ק אדמו"ר לסב הכלה ר' שמואל שי' הלוי הבר במענה לאגרת ששלחו כל כיתתו דאחי תמימים תל-אביב

ב"ה, ימי הסליחות ה'תשט"ו

ברוקלין נ.י.

תלמידי ישיבת אחי תמימים ליובאוויטש אשר בתל אביב,

ארצנו הקדושה תבנה ותכונן במהרה בימינו

על ידי משיח צדקנו.

שמואל בן פייגא רבקה הדסה

אליעזר בן שרה

יוסף בן פייגא

נתן בן דבורה

יששכר בן חנה

יצחק אשר בן פייגא

חיים בן חי' מלכה

ה' אליהם יחיו.

שלום וברכה!

מכתבם - פ"נ בנועם קבלתי,

ולקראת השנה החדשה, הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, הנני בזה להביע להם ברכתי, ברכת כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה, שנת הצלחה בלימוד תורתנו הקדושה בשקידה ובקיום מצותי' - מתוך בריאות הנכונה.

בברכה לתלמוד תורה ביראת שמים

**חי"ק**

# מענות כ"ק אדמו"ר על מכתב סב הכלה ר' שמואל שי' הלוי הבר

[ר"ח תמוז תשל"א]

במכתבו כתב: "היות והסכמתי להצעת גיסי ר' ש"ב קלמנסון להמנות כאחראי רוחני לקעמפ "פרדס חנה" בקנדה ואסע בעז"ה יחד עם משפ' ביום ב' הקרוב ה' תמוז למשך 8 שבועות לערך עד ג' אלול, אבקש לכן ברכת כ"ק אד"ש להצלחתי בעבודה ולנצול זמני הפנוי' ללמוד התורה מתוך עיון".

מענה כ"ק אדמו"ר: **ובחברותא**

במכתבו ממשיך: "אנו נוסעים בעז"ה ביום ב' הקרוב - ה' תמוז למשך 8 שבועות עד ג' אלול, ברצוני לשרטט קוים כללים שבתכניתי לסדר בל"נ במסגרת השיעורים הניתנים ע"י המדריכות לקיטניות. 1.כל יום במשך ¾ לערך לימוד בפרקי אבות ובסיום שיחה אם בהקשר למשניות הנלמדת או בעניינים אחרים חשובים. 2. כל יום ששי סיפורים של "גדולי ישראל" (ורובם על רבותינו נשיאנו). 3. כל ש"ק לימוד פר' השבוע. 4. כל סעודה שלישית בש"ק מבחן קצר על פרקי אבות ואמירת ד"ת קצר על פר' השבוע מא' הקיטניות או המדריכות. 5. בכל יום לפני תפלת מנחה דבר הלכה קצר, בהלכות הנוגעות להם [כ"ק אדמו"ר הדגיש את המילים "בהלכות הנוגעות להם"] כמו: ברכות הנהנין, תפלה, שבת וכיו"ב. 6. בסוף כל [...] מבחן וחידון על פרקי אבות - וחלוקת פרסים למצטיינת. 7. בשבוע האחרון הקרוב לחדש אלול לימוד ספר "יונה", השעורים הנ"ל נתונים ע"י המדריכות עפ"י לימודי אתם ערב

השעורים לצוות:

1. פעמיים בשבוע למשך 30 - 45 דקות, אולי פעם קהלת [כ"ק אדמו"ר סימן בעיגול תיבת "קהלת", וכתב: **לכאורה קשה בהסברה והעיקר מהו ה"בכן" בשבילם.**] ופעם פרקי אבות עם מפרשים יותר. וכמו"כ שיחות בעניני השקפות דעות ומדות וספורים על "גדולי ישראל" 2. ליל ש"ק שיחה בפר' השבוע - רעיונות אחדים". כמו"כ אשתדל כמובן להתאים נושאים לעתם וזמנם כמו ר"ח י"ב תמוז י"ז תמוז ת"ב,וכ' אב וכו'.

ועל כל הנ"ל אבקש הצעת אד"ש במה תהי' ההדגשה וכו'. והדרכתו וברכתו הק'. כמו"כ ברכה מיוחדת עבור זוג' תחי' שהיא עתה בחדש השמיני להריונה והתאריך שנתן הרופא קרוב מאד לתאריך שחוזרים".

מענה כ"ק אדמו"ר: **אזכיר על הציון**

במכתבו מסיים: "ובקשתי לדעת ההדגה בעת תהיה [...]" [כ"ק אדמו"ר הוסיף "ש" במילת "ההדגה". וסימן בעיגול תיבת "ההדגשה", וכתב: **המעשה הוא העיקר**]

# רשימת תוכן יחידות כ״ק אדמו״ר לסב הכלה ר׳ שמואל שי׳ הלוי הבר בהיותו בחור בקבוצה

[תשכ״ד]

**הנחת הנמען בלתי מוגה**

על ענין הא׳ ענה בטח זה ע״פ סדר ההנהלה ושזה יהי׳ במסירה ונתינה בהתמדה ושקידה.

בענין הב׳ שיש יותר חשק בנגלה ענה שהזמן שנמצא כאן וראה לנצלו בהתמדה ושקידה במקום שלבו חפץ ושזה יהי׳ גם בזמנים הפנויים שהחלטה תהי׳ תקיפה.

בענין היר״ש ענה יש הרי כבר ההבטחה יגעת ומצאת תאמין והרי בפרט שיצא מא״י לחו״ל שיש בזה כמה תנאים ואחד מהם לימוד התורה וממילא צריך להיות עפ״י השו״ע הלמוד.

בענין פרנסת אבי שי׳ ענה שימשיך בזה כי זה ראוי ואם יש הצעה בענין גסות לקחת ההצעה ושיהי׳ כראוי, ביראת שמים, עפ״י המתאים.

בענין השמות שאני מזכיר יקח על האהל ואני מצדי יוסיף בלימוד התורה ועבודת התפילה בהתמדה ושקידה ובענין רפואה לרגל צריך לראות שיהי׳ דעה אחידה לשאול שני רופאים מומחים ויעשו כהוראתם.

# רשימה חלקית מתוכן יחידות ר' שמואל שי' הלוי הבר בהיותו ראש ישיבה במאריסטאון

[תשל"ב]

## הנחת הנמען בלתי מוגה

**[רש"ה:]** ..המשכתי שבחינות בכתב מפעם לפעם ומזמן לזמן יעזרו הרבה לבקיאות ולהתמדה ולהתמסרות אך היות הדבר לא נהוג עד עתה בישיבותינו חושש אני מלהתחילם רק בעצת כ"ק. אם הי' מהראוי לסדר בחינות בכתב לסוף שנת הלמודים וחלוקת פרסים אפילו למצטיינים, אך כנ"ל.

**אד"ש:** הדבר נראה נכון ומה שלא נהגו אינו אומר כלום דהרבה דברים כמו"כ, והרי זה גם להלכה דנשתנו הגופים וכו'. ואדרבה נתחיל, ומכאן ילמדו גם אחרים - תו"ת ואחי תמימים. שידבר עם המנהל היודע הענינים מבפנים ומבחוץ.

---

כדאי להעיר שאז בחינות שבכתב בישיבה (איזה שיהי') לא היתה מצוי' כלל וכלל (והיתה רק להבדיל אצל ה"קולוג'ים") והיתה חידוש של ממש.

## קטעים מתוך יומנו של ר' ישראל צבי הלוי הבר סבא רבה של הכלה

ב"ה ג' ט"ו תמוז תשל"ט



תמול לילה בשבע ברכות של משה דיקשטיין בכפ"ח ספר המוהל מורונובסקי מכפ"ח שנפגש באותו יום עם מוהל אחד מבנימינה והוא מצכי' למד בסטמר הי' באמריקה עוד בזמן של הרבי הקודם הריי"צ זצ"ל רצה לראותו אך לא יצא לו אח"כ בשנת תשי"א רצה להכיר את הרבי שליט"א מליובאוויטש ואחרי שבקושי עלה לו להשיג מכיר שיהי' אצלו בשבת בקרון הייטס בא בליל שבת לביהכנ"ס ב770 בתפלה שאל איפוא הרבי וכשהראו לו על הרבי שליט"א התפלא מאד כנראה מהלבוש החיצוני הפשוט ובכלל לא ראה משהו אחרי התפלה כשהלך לאכול ובעל אכסני' שאל אותו על התרשמותו ענה לחיוב אך במחשבתו חשב אחרת באותו ליל שבת חלם שראה את הרבי שליט"א ואמר לו כמה פעמים "אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו" כשקם התרגש מאד והחליט כבר ללכת לביהכנ"ס ולהזהר בהדרת כבוד אחרי שחרית הי' על יד הרבי והרבי עשה לו עם היד על הכתף ואומר לו דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין.

כ"כ הוא התרגש מזה כשאח"כ קראו לו לתורה בקושי מאוד עשה ברה מתוך חרדה פנימית אחרי שבת במשך הזמן הי' אצל הרבי יחידות ומה שהרבי דבר אתו לא רוצה לגלות אלא חלק כתב בצוואה לבניו. והאיש הזה מלא בהערכה והצלחה לכ"ק אדמו"ר שליט"א.

# על המשפיע ר' "שואל" ברוק שמשך אותו אחרי פטירת המשפיע שלו ר' אלתר שמחביץ


ב"ה
התרשמותי מהמשפיע ר' שואל נ"ע ברוק
הי' זה בחג השבועות שנת תשי"א ואני למדתי
אז בירושלים בישיבת תורת אמת ור' שואל נ"ע
בא לעיר ושמעתי כי הוא יתועד עם הבחורים
השתתפתי בהתועדות בבית ר' דוד ני' גולדברג ע"י
בתי ורשא זו הי' לי ההתועדות הראשונה עם ר' שואל
ובפנימיותי נמשכתי מאד אליו.
באלול קיץ זו תשי"א הנה מסבות שונות
ובעיקר מהתרשמותי מר' שואל עברתי לתל-אביב
לישיבת אחי-תמימים, בימים וחדשים הראשונים
הרגשתי עולם חדש ממש, הרצינות והתמימות
של אמירת שיעור חסידות מר' שואל נ"ע גלו
לפני מה זה "תמימים" היינו מרצון ומחשבה ועד דבור
ומעשה עובר קו תמים. תמים תהי' עם ה' אלקיך
כאן נוכחתי איך ש"העיקר"-היינו תורה וחסידות-
הוא באמת "עיקר". וה"טפל"-היינו כל ענינים הגשמיים-
הם באמת "טפל".
השיחות של ר' שואל נ"ע במטבח שאכל אתנו
יחד, בררו לפנינו איך להסתכל על הרבה דברים
מהעולם. ההתועדויות של ר' שואל נ"ע
אתנו, הרים אותנו לדרגה יותר גבוה

הי' זה בחג השבועות שנת תש"א ואני למדתי אז בירושלים בישיבת תורת אמת ור' שואל [ברוק] נ"ע בא לעיר ושמעתי כי הוא יתועד עם הבחורים. השתתפתי בבית ר' דוד ני' גולדברג ע"י בתי ורשא. זו הי' לי ההתועדות הראשונה עם ר' שואל, ובפנימיותי נמשכתי מאד אליו.

באלול קיץ זו תש"א הנה מסבות שונות ובעיקר מהתרשמותי מר' שואל עברתי לתל-אביב לישיבת אחי תמימים. בימים וחדשים הראשונים הרגשתי עולם חדש ממש, הרצינות והתמימות של אמירת שיעור חסידות מר' שואל נ"ע גלו לפני מה זה "תמימים" היינו מרצון ומחשבה ועד דיבור ומעשה עובר קו תמים. תמים תהי' עם ה' אלקיך כאן נוכחתי איך ש"העיקר" - היינו תורה וחסידות - הוא באמת "עיקר". וה"טפל" - היינו כל ענינים הגשמיים - הם באמת "טפל".

השיחות של ר' שואל נ"ע במטבח שאכל אתנו יחד, בררו לפנינו איך להסתכל על הרבה דברים מהעולם, ההתועדיות של ר' שואל נ"ע אתנו, הרים אותנו לדרגה יותר גבוה, אחרי כל התועדות הרגשנו התרוממות בדרגה ובמילא נפלו הרבה שטויות כמשל הידוע כשהשמש [...] וכו'.

וכך הי' ר' שאול נ"ע טפל בנו עם כל אחד ואחד והחדיר בנו תורה וחסידות ויראת שמים מפנימית נפשו לפנימיותנו.

ועלינו להמשיך בזה כל ימי חיינו, ומובן גם להיות מאד מקושר בנשיאינו רבנו שליט"א, בכדי להשלים הכוונה של היותנו עלי אדמות

[...] תשכ"ח

## סיפור ששמע מר' לייבל גרונער ע"ה שרשם בשעתו

שמעתי מא' אלפרוביץ ששמע מלייבל גרונר כי פעם במוצש"ק צלצל אליו אברך אחד כי בשבת היתה צריכה אשתו ללדת, והיתה מקשה לילד ורופא אמר שהמצב מסוכן או הוא או הילד, ורופא אחד אמר שיכול להיות שישארו גם שניהם בחיים. לא ידע מה לעשות היות ובשבת אי אפשר לצלצל להודיע שליט"א והי' במבוכה. פתאום נכנס לו רעיון במוח כי בטח הכל יהי' בסדר ולא צריך שום דבר. אמר זאת לרופא וב"ה שהכל עבר בשלום וביקש להודיע לרבי. כשלייבל אמר לרבי אמר לו הרבי שישאל את האברך אם הרעיון הי' בשעה 5:05 בבוקר, ולשאלת לייבל, האברך ענה שנכון הי' בשעה הנ"ל.

כעבור זמן והאברך בא לרבי הרבי אמר לו הנך זוכר שהי' עם הלידה ובכן ידעתי מהכל ולמד הוא מספר לו זה כי יש לו כוונה מיוחדת להגיד לו זכות לייבל לא ידע הסבר כי האברך לא סיפר לו.

# שער הגהות

## משיחת ש"ק מברכים אדר תשט"ז

[לקו"ש ח"א עמוד 194 ואילך]

15 15 -ח- עבודה בשמחה

משנכנס אדר מרבין בשמחה.

אין דער משנה שטעהט דער לשון משנכנס אב ממעטין בשמחה, נאר די גמרא זאגט אויף דעם, כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה, כך משנכנס אדר מרבין בשמחה.

זעהט מען אין דעם צווייי ענינים הפכיים:

א) פון דעם לשון כשם איז משמע, אז דער עיקר איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה, וואס דאס שטעהט בפירוש אין דער משנה, משא"כ דער משנכנס אדר מרבין בשמחה, איז דאס ניט מער ווי כשם, וואס מען לערנט עס אפ פון משנכנס אב.

ב) לאידך גיסא זעהען מיר אז בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה איז דאס בהגבלה. ניט אין אלץ איז מען ממעט, נאר אין דעם וואס מען דארף און וואס מען מעג. עס איז אבער פאראן ענייני שמחה אויך באב, ווי מען געפינט בא ר׳ יהודא הנשיא, אז ער האט אויך אין אב געפירט זיך בכמה ענייני שמחה, מה שאין כן דאס וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאס אהן קיינע הגבלות.

לכאורה איז דאס ניט מובן. וויבאלד אז דער גאנצער ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין וכו׳, ווי דער לשון הגמרא איז, כשם, פארוואס איז דער משנכנס אדר מרבין בשמחה מערער ווי דער משנכנס אב ממעטין וכו׳.

דער ביאור בפשטות אין דעם, ווייל שמחה דארף $$$$$$$ זיין אלעמאל. עס איז דאך לא לתוהו בראה אלא לשבת יצרה, אפילו בחודש אב, און עס איז דאך דא דער ציווי פון עבדו ה׳ בשמחה. דערפאר איז דער מרבין בשמחה בלי גבול און דער ממעטין איז בהגבלה, ווייל אויך דאמאלסט דארף זיין געוויסע ענייני שמחה מצד דעם ציווי פון עבדו ה׳ בשמחה.

דער פנימית הענין אין דעם איז, ווי מען האט גערעדט פריהער אין מאמר חסידות, אז דער תכלית הכוונה איז אויסצופיהרען דעם נתאוה הקב"ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער זאל האבען א דירה דא למטה. וכשם ווי דער אדם וואוינט אין א דירה $$$ געפינט ער זיך $$$ אין דער דירה בכל עצמותו, אזוי איז אויך דער פירוש פון דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער זאל זיין למטה בכל עצמותו ומהותו ית׳.

עס שטעהט דאך עוז וחדוה במקומו. דארטן וואו דער אויבערשטער געפינט זיך דארטן איז שמחה. במילא בכדי עס זאל זיין דירה בתחתונים, מוז מען האבען עוז וחדוה, וואס דאמאלסט דערפילט עס מקומו ודירתו ית׳.

און דערמיט איז מובן, וואס מען דארף זיין שטענדיג בשמחה, אין אלערליי זמנים, אפילו אין די זמנים וואס עס שטעהט אויף זיי ממעטין וכו׳. דארף מען אויך דאמאלסט זיין בשמחה במדה ידועה, ווייל וויבאלד אז די דירה לו ית מאכט מען נאר דורך שמחה, און די דירה לו ית׳ מוז מען מאכען שטענדיג, בכל רגע ורגע, ווארום דאס איז דאך כל האדם, אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני, במילא ליגט דער חיוב צו זיין שטענדיג בשמחה בכל רגע ורגע.

דאס וואס לפעמים דארף זיין דער סדר עבודה אין צווייטען קו, אין קו ההפכי פון שמחה, וועט מען דאס אויך פארשטעהן עפ"י המבואר אין דעם מאמר, דעם סדר ווי מען מאכט א דירה לו ית׳, עד"מ ווי מען מאכט א דירה למלך בשר ודם. די ערשטע זאך מוז מען דעם ארט מנקה זיין מכל לכלוך וצואה און דערנאך איז מען דאס מייפה בכלים נאים בכדי עס זאל זיין ראוי לדירת המלך.

אזוי אויך איז דאס אין עבודה רוחנית, מוז מען פריהער ארויסנעמען דעם לכלוך וצואה, וואס דאס טוהט זיך אויף דורך דעם קו המרירות $$$$$$ וכו׳, וואס דאס איז די עבודה פון חודש אב, ממעטין בשמחה, בכדי ארויס-צונעמען די ענינים פון ומפני חטאינו גלינו מארצנו. דאס איז אבער מער ניט ווי א הכנה צו א דירה, אבער די דירה אליין מאכט מען דורך שמחה.

און דאס איז דער טעם וואס חסידים זיינען ניט מהדר אין דעם משנכנס אב ממעטין בשמחה, ווייל דאס איז ניט מער ווי א טפל צו עבודה. מה שאין כן אין דעם משנכנס אדר מרבין בשמחה, וואס דאס איז דער עיקר העבודה, איז מען אין דעם מהדר.

דאס וואס עס שטעהט אין דער גמרא אויף דעם ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה דער דיוק הלשון כשם, וואס דערפון איז משמע אז דער משנכנס אדר מרבין קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, איז דאס מובן עפ"י המבואר בחסידות, אז דער יתרון האור איז בא מתוך החושך דוקא. במילא איז מובן אז ווער רופט ארויס אין אדר די שמחה בלי גבול, עד דלא ידע, דאס קומט מתוך החושך דוקא, ד. ה. נאך די $$$$ עבודה פון אתכפיא סט"א ע"י המרירות וכו׳, דאמאלסט איז די שמחה ביותר, בלי גבול.

און דאס איז דער טעם וואס בחודש אדר דוקא איז די שמחה בלי גבול, ווייל דאמאלסט איז דאס געקומען מתוך החושך, אתכפיא ואתהפכא. ווי עס

. . אין דער משנה שטעהט ~~דער לשון~~ משנכנס אב ממעטין בשמחה . .

. . א) פון דעם לשון <u>כשם</u> איז משמע, אז דער עיקר איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה . .

. . בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממטעין בשמחה - ~~איז דאס~~ בהגבלה. ניט אין אלץ איז מען ממעט~~, נאר אין דעם וואס מען דארף און וואס מען מעג~~. עס איז ~~אבער~~ פאראן עניני שמחה אויך באב*), ~~ווי מען געפינט בא ר' יהורא הנשיא, אז ער האט אויך אין אב געפירט זיך בכמה עניני שמחה,~~ מה שאין כן דאס וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאס אהן קיינע הגבלות . .

. . דער גאנצער ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין ~~וכו'~~ . .

. . און עס איז **אלעמאל** ~~דאך~~ דא דער ציווי פון עבדו ה' בשמחה . .

. . ווייל אויך דאמאלסט דארף זיין געוויסע עניני שמחה. **ובפרט** מצד דעם ציווי פון עבדו ה' בשמחה . .

. . ווי מען האט גערעדט פריהער אין מאמר ~~חסידות~~ . .

. . אז דער אויבערשטער זאל האבען א דירה דא למטה . . *[תחלה הי' כתוב "זלא", ותיקן כנ"ל]*

. . דארטן וואו דער אויבערשטער געפינט זיך ~~דארטן~~ איז שמחה. במילא בכדי עס זאל זיין דירה בתחתונים, מוז מען האבען עוז וחדוה, וואס דאמאלסט ~~ו~~קע~~רטן~~ עס **זיין** מקומו ודירתו ית'**).

. . אפילו אין די זמנים וואס עס שטעהט אויף זיי ממעטין. ~~וכו',~~ דארף מען אויך דאמאלסט זיין בשמחה במדה ידועה, ~~ווייל~~ וויבאלד אז די דירה לו ית' ~~מאכט מען נאר דורך שמחה, און די דירה לו~~ ית' מוז מען מאכען שטעמדיג, בכל רגע ורגע, ווארום דאס איז דאך כל האדם, ~~ו~~אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני. . *[תיבת "ית'" לא מחק אלא סימנו בעיגול להוציא]*

. . אזוי איז דאס אויך אין עבודה רוחניו~~ת~~. מען מוז פריהער ארויסנעמען דעם לכלוך וצואה, וואס דאס טוהט זיך אויף דורך דעם קו המרירות. **און** ~~וכו', וואס~~ דאס איז די עבודה פון חודש אב, ממעטין בשמחה . . *[תחלה הי' כתוב "אויך איז אזוי", ושינה הסדר כנ"ל; תחלה הי' כתוב "מוז מען", ושינה הסדר כנ"ל]*

. . דאס איז אבער מער ניט ווי א הכנה צו א דירה. ~~אבער~~ די דירה אליין מאכט מען דורך שמחה.

~~און דאס איז דער טעם וואס חסידים זיינען ניט מהדר אין דעם משנכנס אב ממעטין בשמחה.~~ ~~*ווייל דאס איז ניט מער ווי א טפל צו עבודה.*~~ ~~מה שאין כן אין דעם משנכנס אדר מרבין בשמחה, וואס דאס איז דער עיקר העבודה, איז מען אין דעם מהדר~~ . . *[כנראה שבתחלה מחק רק את התיבות "ווייל דאס איז ניט מער ווי א טפל צו עבודה", ואח"כ מחק כל הקטע]*

. . עס שטעהט אין דער גמרא אויף דעם ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה דער דיוק ~~הלשון~~ <u>כשם</u> . .

. . נאך די עבודה פון אתכפיא סט"א ע"י המרירות ~~כו'~~, דאמאלסט איז די שמחה ביותר, בלי גבול . . *[תחלה הי' כתוב "גובל", ותיקן כנ"ל]*

. . ווייל דאמאלסט איז דאס געקומען מתוך החושך, ~~אתכפיא ואתהפכא,~~ . .

---

***) ראה שו"ע או"ח סתקנ"א ס"ב. ב"ח לטור ~~או"ח ס~~ ר"סתקנ"א: אבל באכילת בשר כו'. וצ"ע במגן אברהם שם סק"א.**

****) עיין חגיגה ה, ב, ~~וגירסת~~ דיש גורסין ובבתי גואי ליכא - הובא בעבודת הקודש ח"ג פנ"ז - וגם לגירסתנו מבואר ברשימות הצ"צ לאיכה ע' כב-כג. ואכ"מ.**

16

-ט-

שטעהט ורבים מעמי הארץ מתיהדים, עמי הארץ, מיינט די ג' קליפות הסמאות, זיי אליין זיינען מתיהדים, געווארען יהודים, כופר בע"ז ומודים בכל התורה.

און מצד די עבודה פון אתכפיא ואתהפכא, ווערט דער יתרון האור, אז דעם גאנצער חודש אדר דארף זיין שמחה בלי גבול, עד דלא ידעי, ווי ער זאגט והחודש אשר נהפך וואס דאס געהט אויף'ן גאנצען חודש אדר.

(משיחת ש"ק מברכים אדר תשט"ז)

איך די היינטיגע סדרה (משפטים) שטעהט ורפא ירפא. זאגען אויף דעם רז"ל, מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות. מען זאל ניט זאגען, רחמנא מכחי ואנא מצלי? איז אויף דעם לערנט מען אפ פון דעם פסוק, אז ניתן רשות לרופא לרפאות.

נאך א לימוד איז פאראן, אז ניט נאר וואס עס איז א רשות לרפאות, נאר עס איז אויך א חובה. דאס לערנט מען אפ פון פסוק השב תשיבם, וואס עס שטעהט בהשבת אבדה. לערנט מען דערפון אפ מיט א קל וחומר אויף רפואה. אם בממון הקל איז מען מחוייב להשיב, מכל שכן השבת הגוף, רפואה, איז מען א ודאי מחוייב.

דער רמב"ם מיט נאך ראשונים, בשעת זיי רעדען דעם דין פון היילען יענעם, ברייגנגען ניט דעם פסוק פון ורפא ירפא, נאר דעם פסוק פון השב תשיבם ביי השבת אבדה, און דער טעם איז פשוט, ווי עס שטעהט אין אחרונים, ווייל פון ורפא ירפא לערנט מען אפ מער ניט ווי אז עס איז ניתנה רשות, משא"כ פון פסוק השב תשיבם, לערנט מען אפ א גרעסערע זאך, אז עס איז א חיוב לרפאות.

ווי דער ענין איז אין עבודה רוחניות, איז אויך פאראן אין דעם צווייי ענינים: ורפא ירפא שניתנה רשות און השב תשיבם אז עס איז א חובה.

ווארום ווי עס איז ידוע איז דאך איך רוחניות אויך פאראן דער ענין החולי. און אין דעם איז פאראם כמה סוגים. חולה שיש בו סכנה, חולה שאין בו סכנה, ביז עס איז פאראן א מדריגה פון חולה בגימט' מ"ט, וואס דאס מיינט, אז ער האט שוין דערגרייכט צו אלע מ"ט שערי בינה, נאר עס איז א חולה דערמיט, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן.

איז דאך מובן דער גרויסער ריחוק וואס עס איז פאראן אין די סוגי חולים.

עס איז פאראן א חולה וואס זיין חולי איז נוגע פשוט אין קיום המצוות, וואס רמ"ח מצוות עשה זיינען די רמ"ח אברים און שס"ה ל"ת זיינען די שס"ה גידים. איז דאך מובן אז א סארט חולה אין קיום המצוות ר"ל איז דאך זיין חולאת א ענין וואס איז זעהר נוגע.

און עס איז פאראן א חולה, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן, וואס דאס איז א מדריגה פון משה רבינו, וואס עס שטעהט אויף איהם, ותחסרהו מעט מאלקים, ווייל ער האט ניט געהאט דעם שער הנו"ן, און האט דערצו זוכה געווען בשעת הסתלקותו בהר נבוא.

לויט דעם חילוק אין די סוגי החולים, אזוי איז אויך דער חילוק אין דעם נחיצות והכרח פון הרפואה.

בשעת עס רעדט זיך וועגען א חולה אין קיום המצוות, דאמאלסט לערנט מען אפ די רפואה פון השב תשיבם, אז דאס איז א חובה. אבער בשעת עס האנדעלט זיך וועגען א חולה בגימט' מ"ט, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן, אויף דעם שטעהט ורפא ירפא, שניתן רשות לרופא לרפאות.

די הוראה פון דעם איז:

בשעת מען מאנט בא א אידען, ער זאל טאן אין הפצת היהדות, פועל'ן אויף א אידען בנוגע לקיום המצוות בפועל און ער ענפערט, אז ער זשאלעוועט די צייט, ער ווייל בעסער אויסניטצען די צייט צו טאן מיט זיך, עולה זיין בשער הנו"ן.

דארף ער וויסען, אז דאס וואס מען מאנט בא איהם צו היילען יענעם, רעדט זיך דאס וועגען א חולאת וואס מען איז מחוייב צו היילען, מה שאין כן וואס ער וויל טאן מיט זיך, מהיכי תיתי, א גלייכע זאך, אבער דאס איז נאר א רשות לגבי דעם חוב וואס ער האט פארן צווייטען. וע"ד לשון הגמרא, אז לגבי חובה איז דאס רשות און לגבי רשות איז דאס א מצוה.

אין מצוות מעשיות זיינען אלע אידען גלייך, דאס איז שייך צו יעדער איינעם. מצוות התורה, דקדוק קל של דברי סופרים און פון די שפע-טערדיגע, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, דאס איז שייך צו אלע אידען.

. . שטעהט ורבים מעמי הארץ מתיהדים, עמי הארץ, ~~געהט מיינט די~~ ג' קליפות הטמאות, ~~אז~~ זיי אליין זיינען מתיהדים . .

. . און מצד די עבודה ~~פון אתכפיא ואתהפכא~~, ווערט דער יתרון האור . .

אין ~~די~~ היינטיגער סדרה (משפטים) שטעהט ורפא ירפא. זאגען אויף דעם ~~די~~ רז"ל, מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות. מען זאל ניט זאגען, רחמנא **מחי** ~~מכהי~~ ואנא ~~מצלי~~ **מסי**? איז אויף דעם לערנט מען אפ פון דעם פסוק, אז ניתן רשות לרופא לרפאות . .

. . אז ניט נאר וואס עס איז א רשות לרפאות, נאר עס איז אויך א חובה. ~~דאס~~ מען לערנט **עס** אפ פון פסוק ~~השב תשיבם~~ **והשבותו לו***), וואס עס שטעהט בהשבת אבדה. ~~לערנט מען דערפון אפ מיט א קל וחומר אויף רפואה. אם בממון הקל איז מען מחוייב להשיב, מכל שכן השבת הגוף, רפואה, איז מען א ודאי מחוייב.~~ *[תחלה הי' כתוב "לערנט מען", ושינה הסדר כנ"ל]*

דער רמב"ם ~~מיט נאך ראשונים, בשעת~~ ~~*זיי ער ריידען רעדט*~~ ~~דעם דין פון היילען יענעם~~, ברייינגע~~ן~~ט ~~זיך~~ ניט דעם פסוק פון ורפא ירפא, נאר דעם פסוק פון **והשבותו לו** ~~השב תשיבם - ביי השבת אבדה~~, און דער טעם איז פשוט, ווי עס שטעהט אין אחרונים~~,~~: ~~ווייל~~ * פון ורפא ירפא לערנט מען אפ מער ניט ~~ווי~~ אז עס איז ~~ניתנה~~ רשות, משא"כ פון ~~פסוק השב תשיבם,~~ **והשבותו לו** לערנט מען אפ א גרעסערע זאך~~,~~ ~~אז עס איז~~ א חיוב לרפאות. *[כנראה שבתחלה מחק רק את התיבות "זיי" ו(חלק מ)"ריידען", ותיקן שיהי' כתוב "ער" ו"רעדט", ואח"כ מחק כנ"ל; הסימון "*" פירושו סימון להתחלת פיסקא בפ"ע, וכן לקמן; ליד קטע זו סימן למה שכתוב בראש בעמוד:* ***חסר כל הביאור דהכרח ב' הפסוקים והלימודים*** *(ואח"כ מחק הנ"ל)]*

ווי ~~דער ענין~~ **דאס** איז אין עבודה רוחניות, אזי אויך פאראן אין דעם צוויי ענינים~~,~~: ורפא ירפא שניתנה רשות און ~~השב תשיבם~~ **והשבותו לו** אז עס איז א חובה.

~~ווארום ווי עס איז ידוע~~ אין רוחניות איז דאך אויך פאראן דער ענין החולי . . *[תחלה הי' כתוב "איז דאך אין רוחניות", ושינה הסדר כנ"ל]*

. . חולה שיש בו סכנה, ~~ו~~חולה שאין בו סכנה, ביז עס איז פאראן א מדריגה פון <u>חולה</u> בגימט' מ"ט, וואס דאס מיינט, אז ער האט שוין דערגרייכט צו ~~די~~ **אלע** מ"ט שערי בינה, נאר ער איז א חולה ~~דערמיט~~, ווא~~ס~~**רום** עם פעהלט איהם דער שער הנו"ן.

איז דאך מובן דער ~~גרויסער~~ ריחוק וואס עם איז **צווישען** ~~פאראן אין~~ די סוגי חולים. **והביאור בקצרה:** . .

. . וואס זיין חולי איז נוגע ~~פשוט~~ אין קיום המצוות . .

. . ~~איז דאך מובן אז~~ אזא ~~סארט~~ חולה אין קיום המצוות ר"ל - איז דאך זיין חולאת א ענין וואס איז זעהר נוגע . .

. . וואס עס פעהלט איהם שער הנו"ן, ~~וואס~~ **על דרך** ~~דאס איז א~~ מדריגה~~ת~~ ~~פון~~ משה רבינו . .

. . און האט דערצו זוכה געווען בשעת הסתלקותו בהר נבו~~,~~, **נו"ן בו.**

לויט דעם חילוק אין די סוגי החולים, ~~אזוי~~ איז אויך דער חילוק אין דעם ~~נחיצות ו~~ **אופן** הכרח ~~פון~~ הרפואה . .

. . ווען א חולה אין קיום המצוות, דאמאלסט ~~לערנט~~ **איז** ~~מען אפ~~ די רפואה ~~פון השת תשיבם, אז דאס איז~~ א <u>חובה</u>. אבער בשעת עס האנדעלט זיך ווען א חולה בגימט' מ"ט, וואס עס פעהלט איהם **נאר** דער שער הנו"ן, אויף דעם שטעהט ורפא ירפא, שניתן <u>רשות</u> לרופא לרפאות~~,~~, **ניט אלעמאל און צו אלעמען איז דאס שייכות**~~,~~. ~~און ד~~

די הוראה פון דעם איז: אויך: ~~בע~~ . .

. . אז ער זשאַלעוועט די צייט . .

. . מה שאין כן וואס ער וויל טאן מיט זיך, ~~מהיכא תיתי,~~ - א גלייכע זאך, אבער דאס איז ~~נאר~~ א רשות לגבי דעם חוב וואס ער האט פארן צווייטען . .

. . מצוות התורה, דקדוק קל של דברי סופרים אוןיך ~~אזוי~~ פון די שפעטערדיגע . .

---

*) סנהדרין עג, א. ועפמש"כ בפיה"מ להרמב"ם נדרים פ"ד מ"ד.

# שיחת אדמו"ר מוהריי"צ מיום ב' דחה"ס תש"י

## [סה"ש אדמו"ר מוהריי"צ תש"י ע' 371]



**השמטות**

שייך ליום ב' בסעודה

ביי די רביים איז גיווערין זעהר יקר א חסידות-ער פארברייינגען דער מיטלער רבי האט געזאגט - אין איינעם פון זיינע קורצע מאמרים - אז אחסידות-ער פארברייינגען איז די ד' ד[פנות] פון **דער רוחניותדיגער** מקוה, מען מיינט ניט **פארבייטען** ~~אז מען דארף ניט~~ גייען אין מקוה ~~מען דארף גייען אין מקוה~~ ניט נאר ווען מען מוז על פי גליא שבתורה **נאר אפילו מקוה טהרה**. ~~נאהר~~ אחסידות-ער פארברייינגען. וואס מען רעדט דארטען און מען איז מבאר א פנימיות-דיקן ווארט. ~~און מען זינגט~~ אחסידות-ן פנימיות-דיקן ניגון, און אניגון וואס מען האט מיט עם געדאווענט - דאס איז צוויי ענינים - ~~און דאס רופט ארויס~~ א אויסגוס געווייין ניט קיין געוויין פון צער נאהר אגעגועי נפש-דיקן געוויין, פון הרגש פנימיות עצם הנשמה דאס איז די דפנות פון אחסידות-ער מקוה.

אמר לחיים דער אויבערשטער זאהל העלפן מען זאהל וויסען מעהר און דער ווייל זאל מען ט[און] מיט דעם וואס מען ווייס.

מען דארף זעהן מאכען חסידות-ע מנינים מען זאהל האבען אחסידות-ן רב אחסידות-ן גבאי אחסיד[ות-ן] שמש דאס איז אזוי נויטיג ~~(כמדומה שאמר נאך מעהר נויטיגער)~~ ווי דער חסידות-ער נוסח, דאס דארף מען מאכען אשטאק אראפשניידען די שטעכיגע נעגעל, מיט דעם שארף צו זיך. אמאליגע חסידים האבען געגעסען [מיט] אלעפעל ווארום אגאפעל האט דריי שטעכיגע ציינער. מען דארף האבן א כלי צו עסען ~~איז מיט א לעפעל~~ אלעפע[ל] איז גלאט. מיט גלאטקייט קען מען אפולע אויף טאהן. אויב מען זעהט ביי ~~אויף~~ יענעם ~~אשטאק~~ דארפמען ניט אין כעס [זיין] אויף יענעם נאהר אויף זיך ~~(כמדומני שאמר~~ מען דארף טאהן מיט זיך און דאס זאהל פועל זיין אויף דעם דעם זולת)

# יומן תשרי תשט"ז

## [קובץ ליובאוויטש חוברת י"ג ע' 55 ואילך]

מבית רבנו

"ליובאוויטש איז ניט נאר וואס עס איז געווען דער מעין ומקור מים חיים פון תורת החסידות און דער כרם ה' צבאות פון עבודה שבלב מיט מדות טובות, נאר ליובאוויטש איז אויך געווען דער טרעף פונקט פון חב"ד חסידישע ידידים אהובים און דער קוואל פון דעם ברען חסידישען אהבת ישראל."

"געלויבט השי"ת פאר דעם, וואס בזכות הוד כ"ק אבותינו רבותינו הק', האט ער ית' אונז באגליקט דא אין דער אייז קאלטער פארגליווערטער לאנד אויפצושטעלען, בעזרתו ית', א ווינקעלע ליובאוויטשער ד' אמות, מאכען א אייגענע חב"ד חסידישע סביבה, אבער עס איז נאך זייער הויכט צו דער אמת'ר רוחניות'דיגער ליובאוויטש, וואו איבער הונדערט און צוויי יאהר האט חסידות חב"ד השכלה און עבודה געוואקסען און געשאפען געווארען."

דאס איז א אויסצוג פון א שיחה וואס דער פריהערדיגער רבי, כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע זי"ע, האט געזאגט בא א י"ט כסלו התוועדות אין יאהר תש"ד.

היינט צו טאג, קענען מיר ב"ה מיט רעכט זאגען, אז דער משכן ליובאוויטש אין אמעריקא ווערט אלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם/אויסזעהען פון ליובאוויטש פון דעם ווייטען אמאל. פאר די פופצעהן יאהר זינט "ליובאוויטש" האט איבערזידעלט אין דעם לאנד, איז צוגעקומען א נייער דור פון הונדערטער יונגעלייט, וועלכע זיינען אויפגעהאדעוועט געווארען אין די היגע ליובאוויטשער ישיבות תורה תמימה, יראת שמים און חב"ד'ער חסידות, און צוזאמען מיט די עלטערע חסידים און תמימים פון פריהערדיגען דור האט זיך געשאפען א גרויסע עדה אידען כ"י, אין אמעריקא, נאכפאלגער פון דער ליובאוויטשער שיטה, וועלכע בילדעט א ריזען גייסטיגען כח, און באווירקט מיט זיין השפעה אויף דעם גאנצען ארום.

בעזונדערס האט זיך דאס אזוי בולט ארויסגעוויזען דעם היי יאריגען חודש תשרי, אויף וועלכען עס זיינען זיך צוזאמענגעפארען חסידים און תמימים פון דער גארער וועלט. עס איז כמעט דעם ערשטען מאל, זייט פיעלע יאהרען, וואס אזא גרויסער עולם, פון די ווייטסטע לענדער, זיינען געקומען צופאהרען להסתופף בצל קדושת אדמו"ר שליט"א אויף די ימים טובים.

עס איז געווען א מעין פון "קיבוץ גליות". עס זיינען אנגעקומען חסידים פון ארץ ישראל, פראנקרייך, ענגלאנד, אויסטראליע און פון פיעלע שטעט אין אמעריקא און קאנאדא א.ז.וו. צווישען די אורחים זיינען געווען עלטערע חסידים רבנים, און תמימים, וועלכע האבען שוין צעהנדליגער יאהרען ניט געהאט די מעגליכקייט, צוליעב די שרעקליכע וועלט פאסירונגען אין די לעצטע צוואנציג דרייסיג יאהר—צו קומען אין "ליובאוויטש" און זיך טרעפען מיט זייערע אלטע חברים און פריינד.

עס איז פשוט שווער איבערצוגעבען אין ווערטער די באגעגענישען פון די דאזיגע עלטערע חסידים און תמימים, וועלכע זיינען דורך דער צייט גרויס און אלט געווארען, ספעציעל די געקומענע פון די מזרח אייראפייאישע לענדער, וואו זיי האבען דורכגעמאכט פאר דער צייט אזוי פיעל פיזישע און גייסטיגע מאטערנישען און יסורים, און אט דא אין "ליובאוויטש" טרעפט מען זיך ווידער נאך אזא מאוים לאנגער צייט מיט די אמאליגע חברים און פריינד, און מען דערמאנט זיך די זכרונות ימי קדם, ווען מען האט צוזאמען געלערענט אין דער אמאליגער ליובאוויטשער ישיבה אין רוסלאנד, אדער זיך געטראפען אין די ימים טובים בא רבי'ן. מיט טרערען אין די אויגען און הערצער פול מיט קדושה'דיגען געפיהל קוקען זיי זיך צו צום ברויזענדען כח פון אונטערוואקסענדען נייעם דור ישיבה בחורים און יונגעלייט, וועלכע געהען אן מיט זייער לערנען, דאוונען און חסידישע הנהגה אויפן זעלבען דרך און אופן ווי זיי אליין האבען עס געטאן אין זייער יוגענט אין ליובאוויטש.

די גאנצע ארומיגע אטמאספערע, די ימים נוראים'דיגע אנגעשטרענקייט און פארמוח'דיגקייט און די טאנץ זינגענדיגע פנימיות'דיגע פרעהליכקייט בעת די יו"ט'דיגע און שמחת תורה פארברענגענישען און בכלל די אלע ליובאוויטשער מנהגים, ווי דעם איבערגעבען ערב ר"ה א פ"נ צום רבי'ן שליט"א, דער געהן דערנאך מתפלל זיין אויפ'ן אהל פון כ"ק אדמו"ר נ"ע, די התעוררות הנפש'דיגע תקיעות, וואס דער רבי אליין איז דער מסדר התקיעות און זאגט מנט'ן באוואוסטען ליובאוויטשער ניגון און נוסח די פסוקים מלפניהם ומלאחריהם, דער שטופען זיך צו די פארברייינגענס צו הערען די מאמרים און שיחות קודש פון רבי'ן און די אלע אנדערע סדרים אהן מנהגים, וועלכע זיינען אזוי טיף פארקארבט אין די הערצער און מוחות פון די עלטערע חסידים און תמימים,—דאס אלץ האט זיך פאר זייערע אויגען איצט אפגעשפיגעלט אין דער געגענווארט. דער גאנצער פרעכטיגער עבר, וואס האט געלאזען טיפע חורצלען אין זייערע נשמות,

. . קענען מיר ב"ה ~~מיט רעכט~~ זאגן, אז דער משכן ליובאוויטש אין אמעריקא ווערט אלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם פנימיותדיגען אויסזעהן פון ליובאוויטש פון דעם ווייטען מאל . .

. . באזונדערס האט זיך דאס ~~אזוי~~ בולט ארויסגעוויזען דעם היי יאריגע חודש תשרי . .

. . וועלכע געהען אן מיט זייער לערנען, דאוונען און חסידישע הנהגה אויפן ~~זעלבען~~ דרך און אויפן ווי זיי אליין האבן עס געטאן . .

ב

וועלכע די אלע שוידערליכע און רחמנות'דיגע פאסירונגען, פון מלחמות, שחיטות, פאגראמען און ארעסטען, זיינען ניט געווען בכח אויסצורייסען אדער אפילו אפצושוואכען, איז יעצט צוריק ארויסגעשוואומען פאר זייערע אויגען און האבען זיך אליין דערפיהלט אינגער און אפגעפרישט צוזעהענדיג ווי אלץ לעבט, בליט און שאפט.

די אלע איבערלעבונגען פון חודש תשרי אין ליובאוויטשער הויף, דאס אלץ וואס מען האט זוכה געווען צו זעהען און צו הערען, האט געגעבען אריין א קוואל פון פרישע כחות און … שטארקייט אין דער עבודה פון "ויעקב הלך לדרכו" סיי פאר זיך אליין און סיי אויף צו אויפטאן מיט'ן זולת אויפן גאנצען קומענדען יאהר.

מיר וועלען איצט איבערגעבען, בקיצור, די סדרים פון חודש תשרי בבית רבנו שליט"א, על הסדר.

## ערב ראש השנה

ביי א פול געפאקטען בית המדרש האט מען ערב ראש השנה פארטאג געזאגט סליחות. די סליחות ווערען געזאגט לויט דעם נוסח הסליחות פון ליובאוויטש, וואס איז היינטיגס יאהר אבגעדרוקט געווארען אין א בעזונדער ספר מיט הערות וציונים פון כ"ק אדמו"ר שליט"א.

נאך א קורצער הפסקה האט מען זיך געשטעלט דאווענען בצבור און נאכן דאווענען געפראוועט התרת נדרים פאר א בית דין פון עשרה אנשים לכל הפחות. אויך דער רבי שליט"א איז ארויסגעקומען נאכן דאווענען פון זיין חדר אין בית המדרש צו פראווען התרת נדרים פאר א בית דין פון עשרה רבנים.

נאכדעם האט זיך דער גאנצער עולם געשטעלט אין א רייה ביים רבינ'ס טיר, איבערצוגעבען דעם פ"נ-א התעוררות רחמים צעטיל בהזכרת שמות בני משפחתו ושם אמם-פאר ר"ה, ווי עס איז דער סדר אין ליובאוויטש און דער רבי שליט"א האט יעדערן געגעבען א קורצע ברכה, בברכת שנה טובה ומתוקה.

בשעת עס איז נאכדעם אריינגעגאנגען א גרופע פון זקני רבנים ואנ"ש און איבערגעגעבען דעם פדיון כללי-כפי המנהג הידוע- האט דער רבי שליט"א בעזאגט:

"היינטיגס יאהר הייבט זיך דאך אן שבת, איז אלץ מן המוכן, אז מען דערכענט ניט אין דער עבודה שלמטה, און די עבודה שלמטה איז אויף מוסף זיין א תוספות מרובה אין דער המשכה, סיי אין כמות און סיי אין איכות. דער אויבערשטער זאל געבען א שנה טובה ומתוקה צו יעדען איינעם און איינע, יעדערען אין זיין ענין, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות."

נאכן איבערגעבען די פ"נ-צעטלען-צום רבין שליט"א איז דער גאנצער עולם געפאהרען צום ציון פון כ"ק אדמו"ר נ"ע זי"ע און דארט געזאגט די תפלות פון "מענה לשון" און אויך געלייענט קוויטלעך בבקשת רחמים וישועה, כפי המנהג הידוע. שפעטער נאך חצות היום איז דער רבי שליט"א געפארען צום אהל הקדוש, וואו ער האט פארבראכט עטליכע שעה, לייענענדיג א רשימה די נעמען פון טויזענדער אידען וועלכע האבען איהם איבערגיגעבען/אדער אריינגעשיקט דורך פאסט התעוררות רחמים צעטלען בהזכרת שמם ושם אמם.

## ראש השנה

ביידע טעג ראש השנה האט דער רבי שליט"א מיטן עולם געדאווענט אין גרויסען "שאלאש" וואס איז אויפגעשטעלט אין הויף. אבער אויך דער רידיגער שאלאש איז צו קליין אויפצונעמען דעם גאנצען עולם כ"י, און פיעל מתפללים דאווענען אין הויף נעבען שאלאש. אויסער דעם שאלאש דאווענט מען אויך בצבור אין בית המדרש און אויך א בעזונדער מנין אין חדר פון כ"ק אדמו"ר נ"ע אויפן צווייטען פלאר. אלע חדרים און קארידארען פון גרויסען בית המדרש זיינען פול -בלי ע"ה- מיט מתפללים. די הייסע תפלות לויטן חב"ד'ישען נוסח און די שטילע נעימות'דיגע חב"ד דבקות ניגונים, מיט וועלכע די "עובדים", יעדער אין זיין ווינקעל, זיינען פארקאכט אין דאווענען פיהלט אן דעם גאנצען הויף מיט א הדרת אצילות'דיגען אטמאספעהר.

די ערשטע נאכט ראש השנה נאכן דאווענען, ווען דער עולם שטעלט זיך אויס פון ביידע זייטען אין א רייה צו מאכען א וועג פארן רבין דורכצוגעהן, ווינשט דער רבי שליט"א יעדען איינעם: לשנה טובה תכתב ותחתם. א גילו ברעדה'דיגע ליכטיגקייט איז אויסגעגאסען אויף פני קדשו און ביי פיעלע חסידים שטעהען טרערען פון שמחה, וואס זיי האבען זוכה געווען צו זיין

.. מלחמות, שחיטות, פאגראמען, און ארעסטען, זינען ניט געווען בכח אויסצורייסען **ח"ו** אדער אפילו אפצושוואכען ..

.. בקיצור די ~~אלע~~ סדרים פון חודש תשרי בבית רבנו שליט"א ..

.. אויף דער רבי שליט"א איז ארויסגעקומען ~~נאכן דאווענען~~ פון זיין חדר אין בית המדרש ..

.. היינטיגע יאהר הייבט זיך דאך אן שבת, - **די התחלה איז שבת וואס***תחילה הי' נכתב איז אלץ ושינה להיות:* אלץ איז מן המוכן, ד.ה. אז מען ~~רעכענט~~ **קוקט** ניט אויף דער עבודה שלמטה ..

ג

ר"ה ביים רבין.

בײדע טעג ר"ה האט דער רבי שליט"א עולה לתורה געווען צו מפטיר און דעם צווייטען טאג-דער ערשטער טאג איז געווען שבת-אויך מסדר געווען די תקיעות. די תקיעות מיושב האט דער רבי שליט"א אליין געבלאזען. בעת אלע תפלות און אויך בשעת זאגען דעם מפטיר און סדר תקיעות האלט דער רבי שליט"א ביי זיך אויפן שטענדער, פארפאקט אין פאפיר, אלע התעוררות רחמים צעטלען וואס מען האט איהם איבערגיגעבען פאר ר"ה.

דער אופן פון רבינ'ס זאגען דעם מפטיר מיט דער באוואוסטער ר"ה'דיגע הטעמה, די הכנות צו תקיעות בעת דער רבי שליט"א דעקט זיך איבער מיטן טלית בהרכנת ראשן על הבימה און די פחד מאוימ'דיגע סדר תקיעות מיט די טיף הארציגע ביי למנצח און די פסוקים, בעת דער גאנצער עולם איז צוזאמענגעפרעסט און צוזאמענגעדריקט ווי איין מענש ארום די בימה, פיהלט אן דעם חלל מיט א אצילות'דיגען קדושה עקסטאז, וואס איז שווער איבערצוגעבען אין ווערטער.

פאר ר"ה האט דער רבי שליט"א ארויסגיגעבען בדפוס א קונטרס

חודש תשרי ← ,מען זאל עס לערנען במשך חודש תשרי. די מאמרים זיינען פון דעם המשך ר"ה דשנת תרצ"ו, מכ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע.

אויספאלגענדיג דעם פארזאג פון די רביים הק', אז מען זאל מייקר זיין יעדע רגע פון די צוויי מעת לעת פון ר"ה, האט דער עולם אין די פרייע שעה'ן געווען פארטאן אין לערנען די מאמרים פון דעם קונטרס.

דעם צווייטען טאג ר"ה נאך מנחה איז דער רבי שליט"א מיטן גאנצען עולם געגאנגען צו "תשליך" אין א דערבייאיגען וואסער, וועלכער געפינט זיך א האלבע שעה גאנג פון ליובאוויטשער בית המדרש. לויט דעם איינגעשטעלטען סדר אין די לעצטע יאהרען געהט דער גאנצער עולם, ספעציעל די ישיבה בחורים און יונגעלייט צו תשליך מיט א סדר מסודר, זינגענדיג חב"ד חסידישע ניגונים, דער מארש פון קייך ע"ה אזא גרויסען עולם מיט די ניגונים מאכען א גרויסען רושם אויף די דורכגעהענדע שפאצירענדע, וועלכע ווערען מיטגעריסען מיטן עולם און געהן מיט צו תשליך, און דערוייל ניצען אויס די ישיבה לייט די געלעגענהייט און מען טענה'ט איין מיט די מיטגעהער וועגען דעם מיין פון ר"ה און אידישקייט בכלל.

קומענדיג פון תשליך, וואס האט שוין געכאפט נאהענט צו די שקיעה האט זיך דער עולם אויך שנעל געוואשען צו א ספעציעלער סעודת יו"ט און גרויסען שאלאש און באלד איז אויך אנגעקומען דער רבי שליט"א, און נאך עטליכע חב"ד הארציגע ניגונים האט דער רבי געזאגט א מאמר חסידות, אנהויבענדיג: להבין ענין ר"ה וכו', מבאר זייענדיג דעם ענין ר"ה עפ"י חב"ד. דער מאמר האט זיך פארצויגען ביז א היבשע ווײלע נאך צאת הכוכבים. נאכן מאמר האט דער רבי געזאגט ~~עטליכע~~ שיחות מעניני דיומא און געהייסען זינגען עטליכע ~~טראדי-ציאנעלע~~ חב"ד ניגונים און דאן ברהמ"ז. נאכן מעריב און הבדלה וועלכער דער רבי שליט"א האט אליין געמאכט האט ער געטיילט פון כוס של ברכה צו יעדען איינעם פון די פארזאמעלטע.

## ערב יום כפור.

דער מנהג אין ליובאוויטש איז צו שלאגען כפרות ערב יום כפור פארטאג, כמבואר בסדור אדמו"ר הזקן, כשחוט של חסד גובר בעולם. קורץ נאכן כפרות שלאגען האט דער עולם זיך גענומען מכין זיין צום דאווענען.

אין תפלת שחרית פון ערב יוכ"פ איז מען ניט מאריך. בכלל איז דער סדר אין ליובאוויטש אז דער ערשטער האלבער טאג ערב יוכ"פ איז זעהר א געאיילטער און אין א שמחה'דיגע תנועה. דאגעגען נאך האלבען טאג איז שוין די שטימונג א יום כפור'דיגע און ~~זעהר~~ א ערנסטע.

נאך תפלת שחרית האט זיך דער פארזאמעלטער עולם פארזאמעלט ארום דעם ארײנגאנג צום רבינ'ס חדר, בכדי -כפי סדר הנהוג- צו בעהטין ביים רבין "לעקאח". פיעל אנ"ש האבען מיטגעבראכט מיט זיך זייערע קינדער און מען האט אויך געבעהטען "לעקאח" פאר די אנ"ש והתמימים, וועלכע האבען ניט געהאט די מעגליכקייט צו זיין דערביי, אדער פאר די וועלכע געפינען זיך אין אנדערע שטעט און לענדער מעבר לים. טיילענדיג דעם לעקאח האט דער רבי שליט"א יעדען געוואונשען: שנה טובה ומתוקה.

~~נאך חצות היום איז דער רבי שליט"א געפארען צום אהל פון כ"ק אדמו"ר נ"ע, וואו ער האט פארבראכט א היבשע צייט און קומענדיג צוריק פון אהל~~ האט מען געדאווענט תפלת מנחה בצבור. נאך מנחה איז א גרויסע עולם ארײנ-גאנגען אין רבינ'ס חדר מקבל זיין ברכתו הק' לפני יום הדין. צוליעב דעם

.. ספעציעל די ישיבה בחורים און יונגעלייט צו תשליך מיט א סדר מסודר, זינגענדיג חב״ד חסידישע ~~פרעהליכע~~ ניגונים ..

.. די הארציגע ניגונים מאכען א גרויסען רושם אויף די דורכגעהענדע **און** שפאצירענדע ..

.. נאכן מאמר האט דער רבי געזאגט **קורצע** ~~עטליכע~~ שיחות מעניני דיומא און געהייסען זינגען עטליכע ~~טראדיציאנעלע~~ חב״ד ניגונים און דאן ברהמ״ז ..

.. נאך האלבען טאג איז שוין די שטימונג א יום כפור׳דיגע און ~~זעהר~~ א ערענסטע ..

*[כ״ק אדמו״ר סימן מה שכתבו "נאך חצות היום .. בצבור", וכתב:]* ??

.

גרויסען עולם וועלכער האט זיך ניט געקענט אריינשפארען צוזאמען אין ד' רעבינ'ס חדר, האט מען זיך איינגעטיילט אין עטליכע גרופעס און נאך געוויסע הפסקות אריינגעגאנגען לקבל ברכתו הק'. דער רבי שליט"א וזעהר אנגעשטריינגט ~~מעבודתו הק'~~ און פון פני הדרת קדשו האט אראפגעשיינט דער אימת הדין, ~~האט~~ האלטענדיג אפען א תהלים האט געבענטשט דעם פארזאמעלטען עולם כמעט יעדען מאל מיטן זעלבען לשון:

"אזוי ווי היי-יאהר האט זיך אנגיהויבען שבת, זאגט דאך דער אלטער רבי, אז שבת איז תשובה עילאה, זאל דער אויבערשטער העלפען און געבען עס זאל זיין א תשובה פנימית, תשובה עילאה, וואס במילא וועט זיין א ריבוי אין לימוד התורה, לימוד הנגלה ולימוד החסידות, און די תשובה זאל זיין מתוך שמחה, אזוי ווי תשובה עילאה וואס קומט נאך תשובה תתאה, און דאס זאל אראפקומען אין א שנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות גם יחד בתוך כלל ישראל."

~~נאך סעודה המפסקת~~ פאר כל נדרי, איז לויט דעם איינגעשטעלטען סדר זינט כ"ק אדמו"ר שליט"א האט איבערגענומען די נשיאות, אריינגעגאנגען לחדרו הק' די עלטערע תלמידי הישיבה, ~~וועלכע לערנען חסידות~~, לקבל ברכתו הק'. דער רבי שליט"א איז מקפיד אז קיין אנדערע זאלען זיך בשעת מעשה ניט געפינען בחדרו.

דער רבי שליט"א שטעהענדיג נעבען זיין טיש אנגעטאן אין קיטעל און טלית האט זיך איבערגעדעקט מיטן טלית פניו הק' און געבענטשט די תלמידים מיט די ברכת כהנים, אנהויבענדיג פון וידבר וגו' יברכך, יאר ישא ושמו וגו' און נאכהער פארענדיגט: "דער אויבערשטער זאל אייך העלפען, איהר זאלט אויסוואקסען חסידים, יראי שמים ולומדים. מעל זאל קענען זאגען אויף אייך, ראו גידולים שגידלתי. איהר זאלט האבען א הצלחה'דיגען יאהר אין לימוד התורה בשקידה ובהצלחה און אין קיום המצוות בהידור. א חתימה וגמר חתימה טובה בתוך כלל ישראל. א גוט יאהר בגשמיות וברוחניות."

## יום כפור 11B.

דער מנהג אין ליובאוויטש איז צו האלטען קדושת יום כפור 26 שעה כמספר שם הוי' וואס איז בגימטריא כ"ו.

נאכן זאגען על חטא ביחידות זאגט דער גאנצער עולם פאר כל נדרי די ספעציעלע מזמורי תהלים ווי ס'איז איינגעטיילט פאר יעדען טאג, פון ר"ח אלול ביז יום כפור, לויט די תקנה פון כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נבג"מ זי"ע. בעפאר מען פאנגט אן צו זאגען כל נדרי ווערט אויסגעקליבען א בית דין, אין וועלכער עס געהט אריין דער רבי שליט"א, איינער פון די עלטערע רבנים חסידים און דער חזן. דאן פאנגט אן דער חזן צו זאגען שטילער-הייד: על דעת המקום וכו' בבית דין של מטה וכו'.

די תפלת מעריב האט זיך פארצויגען ביז 9 א זייגער בערך. נאך מעריב האט דער רבי שליט"א צוזאמען מיטן עולם געזאגט גאנץ תהלים בצבור. דער רבי שליט"א איז דאן אוועקגעגאנגען צו זיך אין חדר און די ישיבה בחורים און יונגעלייט האבען זיך איינגעטיילט אין משמורים און געזאגט א גאנצע נאכט תהלים בצבור. דער סדר פון זאגען א גאנצע נאכט תהלים איז איינגעפיהרט געווארען לויט א פקודה פון כ"ק אדמו"ר נבג"מ זי"ע אין זיין מכתב כללי אל תלמידי הישיבות מי"ג אלול תרצ"ד.

תפלת שחרית האט מען אנגעפאנגען ארום 10 אינדערפריה און מען האט געדאווענט אהן הפסקות ביז נאך תפלת מוסף וועלכען מען האט געענדיגט נאך דריי בייטאג.

די "עבודה" אין תפלת מוסף ווערט אין ליובאוויטש געזאגט מיט גרויס כוונה און השתפכות הנפש און דער נוסח הנגינה ביי "והכהנים" ווערט זעהר אפגעהיט כפי המסורה המקובלת.

נאך תפלת מוסף איז געווען, ווי יעדער יאהר- א הפסקה פאר ~~דריי פערטיל~~ א שעה בערך און דאן האט מען אנגעפאנגען דאווענען מנחה. דער רבי שליט"א איז עולה לתורה יום כפור צו מפטיר יונה, וועלכען ער זאגט במתינות א לענגערע צייט. בשעת תפלת שמו"ע פון נעילה האט דער רבי שליט"א שטארק מאריך געווען און איבערדעקענדיג זיך מיטן טלית על פניו הק' געדאווענט בדבקות ובבכיות נוראות.

אין דעם קדיש פון נאך נעילה פאר תתקבל, האט מען ווי יעדען יאהר, געזונגען דעם פרעהליכען נצחון מארש הידוע בשם "נאפאלעאנ'ס מארש" און דער רבי שליט"א האט זיך אויסגעדרעהט מיט א פנים צהובות צום עולם און מאכענדיג מיט די הענד מיטגעזונגען מיט א שטארקע התלהבות בשמחה גדולה א לענגערע צייט. נאכן בלאזען די תקיעה גדולה האט מען פארענדיגט קדיש. ~~גלייך~~ נאכדעם תפלת מעריב און מיט א פרעהליכען "גוט יום טוב" צו

.. דער רבי שליט״א האט אויסגעזעהן זעהר אנגעשטריינגט ~~מעבודתו הק׳~~ און פון פני הדרת קדשו האט אראפגעשיינט דער אימת הדין ..

.. אריינגעגאנגען לחדרו הק׳ די עלטערע תלמידי הישיבה, ~~וועלכע לערנען חסידות,~~ לקבל ברכתו הק׳ ..

*[ליד הקטע ״דער מנהג אין ליובאוויטש .. בגימטריא כ״ו״ כתב:]* ~~וואס~~

.. נאך תפלת מוסף איז געווען, ווי יעדער יאהר - א הפסקה פאר א ~~דריי פערטיל~~ שעה בערך און דאן האט מען אנגעפאנגען דאוונען מנחה ..

ה׳

ב״ה סוכות

די סעודות יו"ט האט כ"ק אדמו"ר שליט"א, ווי יעדעס יאהר, געפראוועט אין
דער סוכה פון כ"ק אדמו"ר נבג"מ זי"ע, וועלכע געפינט זיך אויף דעם צווייטען
פלאר נעבען חדרו הק׳ פון אדמו"ר נ"ע.

צו די דאזיגע סעודות זיינען געווען איינגעלאדען יחידי סגולה פון די
אורחים, וועלכע זיינען געקומען אויף יו"ט צום רבין שליט"א. זיצענדיג ביים
רבינ׳ס טיש און זעהענדיג פני קדשו ווי ער זיצט אויפגילייגט בשמחת יו"ט,
האבען די מסובים געהאט א טיפערען דערהער אין מרז"ל, כל הנהנה מסעודה שת"ח
~~מסובים בה כאלו נהנה~~ מזיו השכינה. [margin: ניגוני קודש / הנהגת מנהיג [illegible]]

דעם צווייטען טאג (דער ערשטער טאג איז געווען שבת) בהשכמה זיינען
הונדערטער חסידים שוין געשטאנען אין א ריי ביים רבינ׳ס סוכה אין הויף
און א גאנצע שעה געווארט ביז דער רבי שליט"א האט געעפענט די טיר
און איינער נאכן אנדערען זיינען זיי אריינגעגאנגען בענטשען אויף דעם
רבינ׳ס אתרוג. אפילו די וועלכע האבען שוין פריהער געבענטשט אתרוג אויף
זייערע אייגענע ד׳ מינים, מיט די נענועים כפי המנהג, האלטען דאס פאר א
זכי׳ צו האלטען נאכאמאהל דעם רבינ׳ס ד׳ מינים אין האנד. דער רבי
שליט"א איז די גאנצע צייט, וואס האט געדויערט עטליכע שעה, געווען דערביי
אין סוכה און זיך צוגעקוקט צו יעדען איינעם, וואס האט געבענטשט אויף זיין
אתרוג.

דער סדר פון אריינגעהן בענטשען אויף דעם רבינ׳ס אתרוג האט זיך איבער־
חזר׳ט יעדען טאג ביז הושענה רבה. הושענה רבה נאכן דאווענען האבען אויך
פיעלע פון די נשי חב"ד ~~געהאט די זכי׳ צו~~ בענטשען אויף׳ן רבינ׳ס אתרוג.

דעם צווייטען טאג סוכות פארנאכט איז פארגעקומען די ערשטע שמחת בית
השאיבה פארברענגען. דער עולם האט זיך געוואשען און ביי געדעקטע טישען
אין גרויסען שאלאש געזעסען צוזאמענגעדריקט און צוזאמענגעפרעסט שלינגענדיג
יעדעס ווארט וואס דער רבי שליט"א האט געזאגט. צום דאזיגען פארברענגען
איז אויך אנגעקומען א גרויסער עולם פון אלע טיילען פון שטאט, וועלכער
האט אנגעפילט דעם גאנצען הויף פון ברעג צום ברעג.

דער רבי שליט"א האט געזאגט א מאמר חסידות ד"ה ולקחתם לכם וגו׳ און
נאכדעם גערעדט מערערע שיחות אויף פערשידענע ענינים מעניני דיומא און
איז געווען אין זעהר א פרעהליכע יו"ט שטימונג. אויף די בקשה פון רבין
האבען איניגע פון די עלטערע חסידים אורחים דערמאנט און געזונגען אלטע
ליובאוויטשער הארציגע ניגונים, וועלכע זיינען במשך די צייט פארגעסען
געווארען, און דער עולם האט זיך משמח געווען אויף א שמחת בית השאיבה׳
דיגען יו"ט׳דיגען אופן. מען האט גענומען ~~תבשילין~~ משקה, געזאגט לחיים
און מיט פרעהליכע לעבעדיגע ניגונים און ריקודים האט זיך דער פארברייינגען
פארצויגען ביז שפעט אין דער נאכט.

נאך הבדלה האט דער רבי שליט"א געטיילט לכל המסובים פון כוס של ברכה.

ב״ה שמחת ביה"ש התועדות
פאר ישיבה לייט

לויט דעם איינגעפירטען מנהג / אין די פריהערדיגע יאהרען האט אויך היי יאהר דער מרכז לעניני
חינוך איינגעארדענט א שמחת בית השאיבה פארברענגען ספעציעל פאר ישיבה
לייט. צום דאזיגען פארברענגען זיינען געקומען א גרויסע צאהל ישיבה רבנים, ראשי ישיבות און תלמידים
פון פערשידענע ישיבות אין שטאט. עס זיינען אויך געקומען א גרויסער עולם
אידען פון אלע קריידען און שיכטען. דער שאלאש און הויף איז געווען פול
געפאקט.

דער רבי שליט"א האט כדרכו בקודש גערעדט פיעל ענינים אין נגלה און
חסידות וועגען די בעדייטונג פון שמחת בית השאיבה. אין יעדע שיחה און
אין יעדען ענין איז געווען עפעס נייעס סיי אין חידושי תורה און סיי אין
עבודת ה׳ עפ"י חסידות, וואס האט אריינגעבראכט דעם עולם אין ~~גרויסע~~
התרגשות און התעוררות.

די התלהבות׳דיגע רייד פון רבין שליט"א און די חב"ד חסידישע ניגונים
און ריקודים וועלען לאנג געדענקט ווערען ביי אלע וועלכע האבען אנטייל
גענומען אין דעם שמחת ביה"ש פארברענגען, וועלכער האט זיך פארצויגען ביז
נאך האלבער נאכט.

. . וועלכע געפינט זיך אויף דעם צווייטען פלאר נעבען חדרו הק׳ פון אדמו״ר נ״ע . .

. . אפילו די וועלכע האבען שוין פריהער געבענטשט אתרוג . .

. . הושענה רבה נאכן דאוונען האבען אויך פיעלע פון די נשי חב״ד גע~~האט די זכי׳ צו~~ בענטשן אויף רבינ׳ס אתרוג . . *[כנראה שאחרי שכ״ק אדמו״ר מחק כנ״ל, תיקן המו״ל שיהי׳ כתוב ״די נשי חב״ד געבנטשט״]*

. . מען האט גענומען ~~היבשליך~~ משקה . .

. . וואס האט אריינגעבראכט דעם עולם אין גע~~וואלדיגע~~ התרגשות און התעוררות . .

ז

11.B. שמיני עצרת ושמחת תורה

13 גוזמינזאל

אזוי ווי אין די 48 שעה פוןביידע טעג ראש השנה איז די לופט אין ליובאוויטשער הויף אנגעזאפט מיט די הארציגע תפלות, בכיות'דיגע תהלים זאגען און אינערליכער חשבון הנפש, אזוי ווידער איז די לופט ארום דעם גרויסען בילדינג 770 איסטערן פארקוויי, במשך די 48 שעה פון שמיני עצרת און שמחת תורה אן אויפהער פארהילכט געווארען פון די פרעהליכע חסידישע ניגונים און פלאם פייערדיגע חסידישע ריקודים.

די אונבאגרענעצטע שמחת תורה פרעהליכקייט האט זיך ווי א שטורמישער אויסגוס פאנאנדערגעשפרייט איבער אלע בנינים פון ליובאוויטשער בית המדרש, שאלאש און הויף און האט זיך זאגאר איבערגעגאסען אויך אין דער ברייטער איסטערן פארקוויי גאס, וואו עס האבען זיך צונויפגעזאמעלט טויזענדער מענשען, אנשים נשים וטף, צוצוקוקען ווי די ליובאוויטשער פרעהען זיך שמחת תורה.

אנגיהויבען האט זיך עס גלייך מיטן צופאל פון דער ערשטער נאכט שמיני עצרת. עס איז זיך צוזאמענגעפארען אויף די צווייטע טעג יו"ט א ריזיגער עולם חסידים פון נאהענט און ווייט און די ענגשאפט איז אונגעהויער גרויס. באלד נאך תפלת מעריב, האט דער עולם זיך צונויפגעזאמעלט צום קידושא רבא וועלכע איז ווי יעדען יאהר געגעבען געווארען פון חדב"נ הרב ר' שמרי' גורארי שליט"א. דער עולם האט זיך דערוואַרימט מיט א ביסעל משקה און זיך משמח געווען אויף'ן אמת'ן חסידישען שטייגער מיט ניגונים און ריקודים. ארום ניין א זייגער אווענד איז דער רבי שליט"א ארויסגעקומען צו הקפות, און מען האט אנגיהויבען זאגען אתה הראת.

ווי דער מנהג איז האט מען דעם רבין מכבד געווען מיטן ערשטען פסוק און מיטן לעצטען פסוק פון אתה הראת, און יעדען פון די דריי מאל וואס מען זאגט איבער די פסוקים פון אתה הראת. די מיטעלסטע פסוקים איז מען מכבד צו זאגען די עלטערע חסידים און די אורחים.

נאך אתה הראת האט זיך אנגעפאנגען די הקפות. דער רבי איז מכובד מיט די ערשטע ספר תורה פון די ערשטע הקפה און אויך די ערשטע ס"ת פון די זיבעטע הקפה.

די ריקודים מיט די ספרי תורה, וועלכע זיינען פארגעקומען מיט גרויס התלהבות און חסידישען ברען באגלייט פון די הארציגע חב"ד פרעהליכע ניגונים האבען מיטגעריסען דעם ריזיגען עולם וועלכע האבען אלע ווי איין מענש מיטגעטאנצט אין דעם פול מיט קדושה און דבקות טאנץ.

די הקפות האבען זיך פארצויגען ביז האלבער נאכט.

דער קלימאקס פון חסידישער התלהבות האט זיך ערשט ארויסגעוויזען צו די הקפות פון שמחת תורה ביינאכט, ווען די גאנצע גאס האט מיטגעטאנצט מיט די חסידים. די טויזענדער מענשען וועלכע האבען זיך פארזאמעלט צו די ליובאוויטשער הקפות האבען פארבלאקירט דעם פארקעהר און די פאליציי האט געהאט א שווערע שטיקעל ארבעט, צו מאכען א ביסעל ארדנונג וואס דיי ווייניג געלונגען. די קארס האבען זיך געמוזט אבשטעלען און די פארבייגעהער זיינען מיטגעריסען געווארען און זיך ארייגעווארפען אין חסידישען קאראהאד און מיט התלהבות מיטגעטאנצט און מיטגעזונגען די כסדר איבערחזר'ענדע חסידישע טאנץ ניגונים. עס איז געווען שמחת תורה אין פולען זין פון ווארט. אידען פרעהען זיך מיט דער תורה און דערמיט וואס זיי זיינען אידען.

אינעווייניג אין בית המדרש – שאלאש – האט זיך די התוועדות שמחת תורה אנגיהויבען גלייך נאך מעריב, ווען דער רבי שליט"א איז ארויסגעקומען פארברענגען מיטן עולם פאר הקפות. דער פאר הקפות'דיגער פארברענגען אין ליובאוויטש האט זיך אלעמאל אויסגיצייכענט מיט זיין שמחה–התגלות'דיגען אופן און אונבאגרענעצטע התלהבות. די חב"ד חסידים ווייסען אז דאס וואס מען איז זוכה צו זעהען און הערען פון רבין –אדער ווי מען רופט עס אין דער חסידישער שפראך "גילוים" –ביים פארברענגען פאר הקפות איז ווערט כל הון דעלמא. און דערפאר אזא מורא'דיגער געדראנג ביי די טישען און ארום די טישען, מען שטעהט אויף די בענק און מען הענגט אויף די ווענט, ממש קאפ אויף קאפ, די שפאנונג איז א אויסערגיוויינליכע. דער גרויסער עולם איז ווי איין שטיק געהער נים צו פארפעלען א ווארט אדער די מינדסטע תנועה פון רבין.

. . און מען האט גלייך אנגיהויבען זאגען אתה הראת . .

ח

און דער רבי שליט"א אויפגיליייגט אין זעהר א פרעהליכער שמחת תורה שטימונג רעדט איין שמחה נאך די אנדערע, איין ענין נאכן אנדערען, ווי א מעין הנובע, צווישען איין שמחה און די אנדערע זאגט דער עולם לחיים און מען זינגט פרעהליכע נשמה דורכנעמענדע ניגונים. די פנימיותדיגע רייד פון רבין און די הארציגע ניגונים באווירקען אז דער עולם געהט ביסלעכווייז ארויס פון די המגבלה'דיגע הועלט הנחות און נאכפאלגענדיג דעם רבינ'ס רייד וועגען די טיפע באדייטונג פון שמחת תורה בכלל און התועדות הנשמה אויף דעם עולם בפרט, ווערען זיי, לשעה עכ"פ, דערהויבען אין א העכערע דרגא און שטעהען אין א גרויסע נשמה התעוררות.

דער עולם איז פון מינוט צו מינוט געווארען גרעסער און גרעסער פון די אנקומענדע אידען פון אנדערע שוהלען, וועלכע האבען שוין לאנג פארענדיגט הקפות און זאגאר געגעסען די סעודת יו"ט. דער רבי שליט"א וועלכער קען כמעט יעדערען פון עולם הייסט געבען יעדערען משקה צו זאגען לחיים און האט פאר יעדערען עפעס א ווארט, מעורר זייענדיג צו תורה און יראת שמים.

אזוי האט זיך דער פאר הקפות פארברענגען פארצויגען ביז איינס א זייגער נאך האלבער נאכט. דער עולם איז אין א בגילופין'דיגער שמחת תורה שטימונג. אנדערע זינגען מיט באגזמענעקולה און אנדערע ברעכען אויס אין א געוויין דערמאנענדיג זיך אז מען האט נאך עפעס פארפאלט אין די תשובה פון יוכ"פ, איבערחזר'נדיג די ווערטער וואס זיי האבען אט ערשט געהערט פון רבין, אז שמיע"צ און שמח"ת ווי די צוויי טעג פון ר"ה, נאר דאמאלסט איז דאס אין קו המרירות און איצט אין קו השמחה...

נאך א קורצער הפסקה האט זיך אנגעפאנגען די הקפות מיט זאגען די פסוקים פון אתה הראת. דער סדר פון זאגען אתה הראת איז ווי די ערשטע נאכט שמיע"צ, נאך מיט דעם אונטערשיעד וואס שמחת תורה ביינאכט ווערען די פסוקים פארקויפט לטובת די ישיבות תומכי תמימים. דער עולם קויפט פסוקים און איז מכבד צו זאגען די פסוקים דעם רבין, אדער זיי זאגען עס אליין.

נאכן זאגען די פסוקים אתה הראת וועלכע פארנעמט א היבשע צייט האט זיך אנגעפאנגען די הקפות מיטן זעלבען סדר ווי שמיע"צ ביינאכט. די פלאם פייערדיגע הקפות מיט דעם אמת'דיגען חסידישען ברען האט אנגעהאלטען כמעט ביז פארטאג.

נאך סעודת יו"ט איז דער רבי שליט"א נאכאמאל אראבגעקומען אין שאלאש און געטיילט משקה צו יונגעלייט און בחורי הישיבה אויסנעמענדיג א תנאי אז זיי דארפען מוסיף זיין א געוויסע הוספה אין לימוד הנגלה און לימוד החסידות במשך דעם יאהר. עס איז שוין געווען 6.30 אין דערפריה, ווען דער רבי שליט"א האט גיהייסען די יונגעלייט געהען א ריקוד מיט דעם ניגון "דרכך אלקינו" און נאכדעם פארלאזט דעם ביהמ"ד, זאגענדיג דעם עולם זיי זאלען זיך געהען א ווייילע אויסרוהען און אננעמען כחות צום ווייטערדיגען עבודת היום.

10 אינדערפריה האט מען זיך געשטעלט תפלת שחרית. דער גרויסער עולם האט זיך פאנאנדערגעטיילט אין קלענערע מנינים בכדי ניט אויפהאלטען צו לאנג די קריאת התורה, ווען יעדערער דארף קריגען אן עלי' לתורה כפי המנהג. נאכדעם איז דער גאנצער עולם זיך צוזאמענקומען אין שאלאש, וואו עס האט געדאווענט דעם רבינ'ס מנין, אום בייצוזיין ביים זאגען אתה הראת און הקפות. די פסוקים פון אתה הראת שמחת תורה בייטאג ווערען פארקויפט און די הכנסה געהט לטובת די מוסדות מחנה ישראל און מרכז לעניני חינוך. עס איז געווען מערקווירדיג צו זעהן, ווי דער עולם, אין גרעסטען טייל ניט קיין רייכער, האט פשוט אויסגיכאפט די פסוקים, פאר גאנץ היפשליכע סומען, און מכבד געווען זיי צו זאגען דעם רבין שליט"א, האלטענדיג דאס פאר א גרויסער זכות און סגולה אין גשמיות און אין רוחניות. מען האט אויך אויסגערופען פיעל נעמען פון חסידים אין אנדערע שטעט און לענדער, וועלכע האבען נאך פון פאר יו"ט באשטעלט פאר זיך פסוקים פון אתה הראת.

נאך די אתה הראת פסוקים איז פארגעקומען די הקפות. ווי דער מנהג איז אין ליובאוויטש זיינען די הקפות שמחת תורה בייטאג "האלבע". דאס הייסט, אז מען איז ביי יעדער הקפה בלויז מקיף א האלבע בימה, אזוי אז צוזאמען איז מען מקיף די בימה דריי און האלב מאהל. מען מאכט אויך ניט קיין הפסקה פון איין הקפה צו די אנדערע מיט ריקודים, נאר מען געהט מיט די זיבען הקפות נאכאנאנד, און דאן ערשט געהט מען איין ריקוד.

דער רבי שליט"א האט עולה לתורה געווען ווי יעדעס יאהר צו חתן בראשית. נאך קריאת התורה איז מען געגאנגען נאך אמאל א ריקוד מיט א שמחת תורה'דיגען ניגון מיט גרויס התלהבות און דאן תפלת מוסף וואס מען האט פארענדיגט 4 א זייגער.

דער עולם האט זיך געאיילט צו סעודת יו"ט און באלד צוריקגעקומען צו מנחה און שפעטער א ווייילע פאר די שקיעה זיך געוואשען צו סעודת התועדות

.. אדערע זינגען ~~מיט באנומענעם~~ קולות און ברעכען אויס אין א געוויין .. *[כנראה שאחרי שכ״ק אדמו״ר מחק כנ״ל, תיקן המו״ל שיהי׳ כתוב ״אנדערע זינגען אויפ׳ן קול״]*

.. האלטענדיג דאס פאר א ~~גרויסען~~ זכות און סגולה אין גשמיות און אין רוחניות ..

.. דאס הייסט, אז מען איז ביי יעדער הקפה בלויז מקיף א האלבען ~~בימה~~ **עיגול** ..

.. ווי יעדער יאהר ~~צו~~ חתן בראשית ..

ח

שמחת תורה, וועלכע איז פארגעקומען אין גרויסען שאלאש.
ביי די התועדות האט דער רבי שליט"א געזאגט א מאמר חסידות אויפן פסוק כי נער ישראל ואוהבהו. נאכדעם האט דער רבי געזאגט שיחות קודש מעניני דיומא מעורר זייענדיג דעם עולם צו קביעות עתים להורה, הרבצת תורה ויראת שמים און הפצת מעיינות החסידות.
ווי דער מנהג איז יעדעס יאהר האט דער רבי בשעת די התועדות אויסגיטיילט משקה צו די שודרי"ם און שליחים פון רבין אין פארשידענע שטעט און לענדער ווי זאלען דאס מיטנעמען מיט זיך און פארברענגען דערמיט אין זייערע ערטער אין א מסיבת חסידותית. דערביי האט דער רבי דערמאנט יעדערען פון די שליחים אויף די בעזונדערע עבודת הכלל וואס ער דארף אויפטאן אין זיין ארט אונצפלאטץ, און אויף די גרויסע אחריות וואס עס ליגט אויף איהם אויסצופירען די כוונה פון ויפוצו מעיינותיך, מעיינות החסידות, חוצה.
צו דעם פארברענגען איז שפעטער אנגעקומען א גרויסער עולם פון די ווייטע געגענדען פון שטאט, וועלכע האבען שוין געהאלטען נאך הבדלה, און אזוי איז דער פארברענגען, באגלייט פון חסידישע הארציגע ניגונים און פרעהליכע ריקודים, זיך פארצויגען ביז עטליכע שעה נאך האלבער נאכט.
נאך מעריב און הבדלה האט דער רבי שליט"א געטיילט פון כוס של ברכה, וואס האט צוליעב דעם גרויסען עולם געדויערט עטליכע שעה, און ביי די קלאנגען פון דעם בעוואוסטען ניגון "כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון" האט דער רבי שליט"א פארלאזט דעם ביהמ"ד, דער עולם איז זיך בישלעכווייז פאנאנדער געגאנגען און די יונגעלייט און בחורי הישיבה האבען זיך צוזאמענגעקליבען איבערחזר'ן די תורות און שיחות פון רבין.
דורך תמיד

אויסצוגען פון דעם רבי'ס שיחות זיינען דרוק
אין דער אבטוילונג "מהמא מולי מעליתא".

. . נאכדעם האט דער רבי געזאגט ~~פייעל~~ שיחות קודש מעניני דיומא מעורר . .

. . זיי זאלן דאס מיטנעמען מיט זיך און פארברייינגען דערמיט אין זייערע ערטער אין א מסיבת חסידי~~ת~~ותית. . . .

. . ~~א טייל~~ אויסצוגען פון דעם רבינ'ס שיחות . .

# שער מכתבים



RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

By the Grace of G-d
15th of Kislev, 5730
Brooklyn, N. Y.

[redacted]

Greeting and Blessing:

I duly received your letter in which you write about your daughter [redacted]. Please write to me also the Hebrew name and mother's Hebrew name of her fiance, and I will remember them in prayer when visiting the holy resting place of my father-in-law of saintly memory, in accordance with the contents of your letter.

I do not know whether the doctor has such a pessimistic view, but there have been similar cases where positive results were accomplished through getting the person interested in some outside activity to help <u>others</u>. Thus, it would be well if some suitable youth group or organization would approach her with a request to help out in its activities, in an area compatible with her ability, appealing to her for her help. This would give her a stimulus to overcome her present frame of mind, even if she would not make the effort to get out of her own shell for her own sake. Perhaps it would be advisable to discuss this with your family doctor, in order to ascertain what activity would be most suitable for her. Needless to say, this should be done in a way that would not arouse her suspicion that it was all prearranged, but that she should really believe that her aid is needed. As a matter of fact, it may well be possible to find an activity where she could really make a positive contribution.

Needless to say, especially as you are a communal worker, you are no doubt aware of all that is going on in the community.

Judging by your writing, it is unnecessary to emphasize to you at length the need to spread Torah-true Yiddishkeit in your immediate environment, as well as in the community at large. Indeed, this is the obligation of every Jew, for we are commanded to keep all things of holiness on the ascendancy. And no matter how satisfactory things may be at any particular time, there is always room for improvement in matters of goodness and holiness, which are infinite, since they derive from the Infinite.

בכתי"ק:

<u>Others</u>

~~And~~ You

\- 2 -

I would suggest that the Tefillin and Mezuzoth should be checked to make sure they are Kosher, if this has not been done within the past twelve months.

With blessing, M. Schneerson

[redacted]

נשלח חשאית

ב"ה, כא' אדר שני תשכ"ה
ברוקלין

מרת [redacted]

ברכה ושלום!

במענה למכתבי' מח"י אדר שני והקודמיו.

בעת רצון יזכירוה וכל שכותבת אודותם - על הציון הק' של כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בכל הענינים אודותם כותבת.

בודאי למותר להאריך איך שבקומה שלימה של עמנו בני ישראל, כל אחד ואחת יש לו תפקידו המיוחד, נוסף על הענינים בהם מחויבים כל בני ישראל, איש ואשה נער וזקן וכו'.

מובן ג"כ שתפקיד המיוחד יש לו חשיבות מיוחדה וכמצוה שאי אפשר לעשותה על ידי אחרים, שקודמת היא לכו"כ ענינים, בחלוקה דקומה שלימה האמורה, שני סוגים כוללים הם: אנשים ונשים, ובכמה ענינים השוו זל"ז, ובכמה ענינים - יש בנשים מה שאין באנשים, ובכמה ענינים - יש באנשים מה שאין בהם.

מהתפקיד המיוחד של האשה בישראל ומהכי חשובים שבהם, הוא הענין דהנהגת הבית, שלכן נקראת עקרת הבית, ובזה עצמו הענין דחינוך הילדים בבית, שרואים במוחש שהחינוך תלוי בעיקרו בהאשה (ואין בזה סתירה לזה שמצות חינוך כשהגיע הילד לגיל זה הוא (בעיקרו) על האב, וכמבואר הענין במקום אחר ואין כאן מקומו להאריך בזה, וכאמור רואים במוחש איך) שביד האשה לכוון החינוך בכיוון הרצוי הטוב והנעלה.

ומובן ג"כ, שבאם בנוגע לקיום התורה והמצות בכלל, נצטוינו לעשות זה בשמחה וטוב לבב, עאכו"כ בנוגע לתפקיד המיוחד - שצריכה להיות בזה שמחה מיוהדה וטוב לבב, כיון שבזה הרי הבדלה בין קדש לקדש.

מתפקידים המיוחדים של האנשים בישראל, הענין דלימוד התורה, בשביל הלימוד עצמו, משא"כ בנשים שעליהן לדעת הדינים וכן לימוד המביא לאהבת השם ויראת השם, וכמפורש בהלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן סוף פרק ראשון, שזהו ג"כ הבואור למה שהנהיג כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא ישראל, לימוד עניני חסידות עם נשים ובנות, שהרי זה הלימוד המביא לאהבת השם ויראת השם ומביא לידי מעשה קיום הדינים וכו' =ראה שם בהלכות ת"ת=.

לאחרי כל הכתוב למעלה, עלי להעיר, אשר כנראה ממכתבי' - מזניחה במדה מסוימת הנהגת הבית (הכוללת גם הנהגה כפשוטה - בנוגע להכנת המאכלים, נקיון וכו') וחוששני לומר גם (קצת עכ"פ) בנוגע לחינוך הילדים - על החשבון ובשביל שיהי' זמנה פנוי יותר ללימוד, לימוד תורתנו הק', אבל ביחד עם זה נקראת היא תורת חיים, הוראה בחיים לכל אחד ואחת באופן המתאים לו ולה.

**נשלח <u>חשאית</u>**

ב״ה, כא׳ אדר שני תשכ״ה

ברוקלין

מרת . .

ברכה ושלום!

במענה למכתבי׳ מח״י אדר שני והקודמיו.

בעת רצון יזכירוה וכל שכותבת אודתם-על הציון הק׳ של כ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע **לכל ה**ענינים אודותם כותבת.

בודאי למותר להאריך איך שבקומה שלימה של עמנו בני ישראל, כל אחד ואחת יש לו תפקיד המיוחד, נוסף על הענינים בהם מחויבים כל בני ישראל, איש ואשה נער וזקן וכו׳.

מובן ג״כ שתפקיד המיוחד יש לו חשיבות מיוחדה [**ע״ד** מצוה שאי אפשר לעשותה על ידי אחרים, שקודמת היא לכו״כ ענינים] - בחלוקה דקומה שלימה האמורה, שני סוגים כוללים הם; אנשים ונשים, **ו**בכמה ענינים הושוו זל״ז, ובכמה ענינים - יש בנשים מה שאין באנשים, ובכמה ענינים - יש באנשים מה שאין בנשים.

ומובן ג״כ, שבאם בנוגע לקיום התורה והמצות בכלל, נצטוינו לעשות זה בשמחה וטוב לבב, עאכו״כ בנוגע לתפקיד המיוחד - שצריכה להיות בזה שמחה מיוחדה וטוב לבב, כיון שבזה הרי הבדלה בין קדש לקדש.

מהתפקיד המיוחד של האשה בישראל ומהכי חשובים שבהם, הוא הענין דהנהגת הבית, שלכן נקראת עקרת הבית, ובזה עצמו **מיוחד** - הענין דחינוך הילדים בבית, שרואים במוחש שהחינוך תלוי בעיקרו בהאשה (ואין בזה סתירה לזה שמצות חינוך כשהגיע הילד לגיל זה הוא (בעיקרו) על האב, וכמבואר הענין במקום ואין כאן מקומו להאריך בזה, וכאמור רואים במוחש איך) שביד האשה לכוון החינוך בכיוון הרצוי הטוב והנעלה.

מתפקידים המיוחדים של האנשים בישראל, הענין דלמימוד התורה, בשביל הלימוד עצמו, משא״כ בנשים ש**הלימוד הוא** - לדעת הדינים וכן לימוד המביא לאהבת השם ויראת השם **וכיו״ב**, וכמפורש בהלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן סוף פרק ראשון, שזהו ג״כ ה**ביאור** למה שהנהיג כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא ישראל, לימוד עניני חסידות עם נשים ובנות, שהרי זה**ו** הלימוד המביא לאהבת השם ויראת השם ומביא לידי מעשה קיום הדינים וכו׳ = ראה שם בהלכות ת״ת =.

לאחרי כל הכתוב למעלה, עלי להעיר, אשר כנראה ממכתבי׳ - מזניחה במדה מסוימת הנהגת הבית (הכוללת גם הנהגה כפשוטה - בנוגע להכנת המאכלים, נקיון וכו׳) וחוששני לומר גם (קצת עכ״פ) בנוגע לחנינוך **ה**ילדים - על חשבון ובשביל שיהי׳ זמנה פנוי יותר ללימוד, לימוד תורתו הק׳, אבל ביחד עם זה נקראת היא תורת חיים, הוראה בחיים לכל אחד ואחת באופן המתאים <u>לו **ולה**.</u>

= ב =

וע"פ הקדמה האמורה, הרי מתוך שמחה וטוב לבב, עלי' לתקן האמור, וכיון שאדם קרוב אצל עצמו, ולא תמיד יכולה לכוון ולהעריך את המצב והענינים בהם מעורב כמו שהם לאמיתתם, כדאי שתתייעץ עם ידידים (ואבי' שי' בכלל כמובן) לחלק הזמנים שלה, באופן שיתאים להכתוב מעלה. ולא עוד אלא שזה גם טובתה בהבנת הלימודים שתלמוד בזמן המתאים, שהרי תורה ומצוה מסייעים זו לזו.

אין לקבוע מסמרות כמה זמן לקבוע להנהגת הבית ולחינוך הילדים וכמה זמן ללימוד, כיון שאין כל האישים שוים אין כל הזמנים שוים ואין כל המקומות שוים, ולכן גם בזה תתייעץ עם הנ"ל, ומתוך שמחה תמלא את ההוראות שלהם, וכמבואר לעיל.

כתוצאה מהאמור עלי לנגוע בעוד ענין - ע"ד כתבה בענין ביקור לכאן, שמפני טעמים האמורים מובן - שאין ימי הפסח מתאימים כלל, שעקרת הבית לא תהי' בביתה ביחד עם בעלה וכל ילדי' שי', וגם בזה - כיון שכן הוא ע"פ התורה, הרי גם שלילה האמורה תורה היא וצריכה להתקבל בשמחה, ותראה הפירות על אתר, שתחוג את החג ביחד עם בעלה וילדי' שי' באופן דמועדים לשמחה וחג כשר ושמח בכל הפרטים.

בברכה לבשו"ט בכל האמור - וכמבואר לעיל -
מתוך שמחה

ובכלל - יש לחכות עד שתגדל בתה הצעירה תי'. וכל עכבה לטובה.

וע"פ הקדמה האמורה, הרי מתוך שמחה וטוב לבב, עלי' לתקן האמור, וכיון שאדם קרוב אצל עצמו, ולא תמיד יכול לכוון ולהעריך את המצב והענינים בהם מעורב כמו שהם לאמיתתם, כדאי שתתייעץ עם ידידים (ואבי' שי' בכלל כמובן) **איך** לחלק הזמנים שלה, באופן שיתאים להכתוב מעלה. ולא עוד אלא שזה גם טובתה בהבנת הלימודים שתלמוד בזמן המתאים, שהרי תורה ומצוה מסייע**ות** זו לזו.

אין לקבוע מסמרות כמה זמן לקבוע להנהגת הבית ולחינוך הילדים וכמה זמן ללימוד, כיון שאין כל האישים שוים אין כל הזמנים שוים ואין כל המקומות שוים, ולכן גם בזה תתייעץ עם הנ"ל, ומתוך שמחה תמלא את ההוראות שלהם, וכמבואר לעיל.

כתוצאה מהאמור עלי לנגוע בעוד ענין-ע"ד כתבה בענין ביקור לכאן - שמפני טעמים האמורים מובן - שאין ימי הפסח מתאימים כלל*, שעקרת הבית לא תהי' בביתה ביחד עם בעלה וכל ילידי' שי', וגם בזה - כיון שכן הוא ע"פ התורה, הרי גם שלילה האמורה תורה היא וצריכה להתקבל בשמחה, ותראה הפירות על אתר, שתחוג את החג היחד עם בעלה וילידי' שי' באופן דמועדים לשמחה וחג **כ**שר בכל הפרטים.

בברכה לבשו"ט בכל האמור - וכמבואר לעיל - מתוך שמחה

* ובכלל - יש לחכות עד שתגדל בתה הצעירה תי'. וכל עכבה לטובה.

מוקדש לחיזוק ההתקשרות

לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

ולזכות

החתן הרה"ת שמואל מנחם מענדל שיחי'

והכלה מרת חי' מושקא שתחי'

דייטש

לרגל נישואיהם ביום י"ז שבט תשפ"ג

נדפס ע"י ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' נחמי' משה וזוגתו מרת דבורה שיחיו דייטש

הרה"ת ר' מנחם מענדל הלוי וזוגתו מרת שפרה שיחיו הבר